אַלע אירע סודות און רמזים איז דאָך דערווינקט יעדעס וואָרט מיט טויזנט קנייטשן און קנייטשלעך.

און דער „ואני" יידיש אויסגעזינגען מיטן קינדישן קולעכל שטאַרקט דעם יידישן איך! דעם אנכי!! דעמאָלט האָט מען נישט מורא פאַר דעם קינדער־קוילער נבוזרדן אפילו! עס איז „וארון נושא את נושאיו" !— — —

עס איז רירנדיק און עס איז ממש צו באַוואונדערן די מי און די טאָג־טעגלעכע אַרבעט פון די רבנים און פרומע יידן אַרום דעם „חדר יסוד התורה", אַ טאָג שולע, פון הונדערטער קינדער, קיין עין־הרע, וואָס לערנען אַ גאַנצן טאָג און אַלע למודים אויף יידיש. אַריינקומענדיק דאָרטן אין די שול און זעענדיק דעם אידעאַליזם און דעם אחריות פון די לערער, און די קינדלעכע פרייד וואָס לייכט אַרויס פון די אויגן פון די צוויי רבנים הרב פרדס און דעם וואוידעסלאַווער רב, פאַרשטייט מען דעם טייטש און דעם זכות פון „תינוקות של בית רבן". זייער יידישער בליק איז נישט פון די גלאָקן־קלינגענדיקע דר. שענפעלדלעך, צי אפילו פון אַ דר. ראָזענהיים־מורנו, וואָס אפילו ווען ער וועט דיר דרשענען פונם חאובאס האַלוואַוואוס וועט דיר רק קלינגען שילערס „גלאָקע" אין די אויערן — —

לעצטנס אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישער ערציאונג און חנוך דאָ אין לאָנדאָן, האָבן הויך און שטאָלץ געקלינגען די ווערטער פונם פאַרטרעטער פונם „חדר יסוד התורה", דעם באַקאַנטן גדול בישראל הרב ראַבינאָוו: יידישע דערציאונג קאָן אַנדערש נישט זיין, ווי נאָר אַז אַלע למודים זאָלן געלערנט ווערן אויף יידיש.

די פעדאַגאָגלעך מכל המינים, וואָס צווישן זיי האָט זיך מסתם געפינען אַ נישקשהדיקער טייל פון האַלבע און גאַנצע עמי־הארצים, האָבן מסתם געקוקט פאַרוואונדערט, הערנדיק אַזאַ שטאָלצע און באַרעכטיקטע יידישע הלכה פסיקה — מיר אָבער זיינען באמת שטאָלץ, וואָס צווישן אונז דאָ, אין אונזער גייסטיק אָרעמען ישוב, געפינען זיך נאָך אַזעלכע רבנים, אַזעלכע גייסטלעכע יידישע גדולים.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

אין קינגס־האָל, 83, קאָמערשעל רויד, — 3 אַזייגער

שבת, דעם 7־טן יולי, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט איבער ח. נ. ביאַליקס שאַפן.

שבת, 14־טן, געווידמעט דעם יידישן שאַפן פון אַמעריקע. א. מ. פוקס וועט ריידן איבער דעם איצט פאַרשטאַרבענעם שרייבער ב. גלאַזמאַן.

שבת, 21־טן, שבת־חזון, געדעכניש־שבת לכבוד אונזערע קדושים.

שבת, דעם 28־טן, דער טראַדיציאָנעלער שבת־נחמה פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.
פרייז 1/-.



# יידיש-לשון העפטל

## צוויי סאָנעטן

### ירמיהו

ווען דו ירמיהו האָסט דיין איכה געשריבן
געוועזן זיינען דעמאָלט ליכטיקע צייטן;
אין ריטם פון קלינגענדיקע שקלאַוון־קייטן
האָסט דו פון דיין האַרץ די פייער־פינקן געריבן,

אַרום וועלכע מיר האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן
אין פינסטערניש — אַרום צעצונדענע שייטן.
משיח איז געקומען אויף זיין פערד צו רייטן,
פון דער בייטש וואָס האָט אונז אין גלות געטריבן!

אַצינד זיינען רינגעלעך רויך פון אונז געבליבן,
וואָס קייטלען זיך אויף אין ליידיק לערע וויטן — —
קיין קלאַנג מער, קיין הויך, קיינעם שוין צו באַגלייטן —
— — — — — — — — — — — — — —

אַחוץ דאָס ביסעלע אַש אויף שטויבלעך צעריבן,
אויף זיין קאָפּ איצט אַבלותדיק אויסצושפּרייטן,
גאָט כביכול געוואָלט האָט עס צוגרייטן — — —

### תשעה באב היי־יאָר

פון כסא־הכבוד שטול איז גאָט אַראָפּ,
אויף פיסנבענקעלע זיך אַנידערגעזעצט,
פון טויזנט שטורעם־ווינטן איז זיין געמיט געהעצט,
פון ווילדע בליצן זיין איינגעבויגענער קאָפּ.

ווען פון זיינע אויגן נאָר אַן איינציקער טראָפּ,
אַ נישט איינגעהאַלטענער, אַראָפּ פאַלט פּלוצלינג יעצט,
און דאָס פנים פון דער ערד פון זיין טרער באַנעצט,
אַ מבול פאַרגיסט גאַנצע וועלט און מעקט זי אָפּ.

זיצט גאָט אויף פיסנבענקעלע, פאַרשטיינערט שטילן,
איינגעהילט אין טלית פון זיין פינסטערסטן לייד,
און דאָס ביסעלע אַש אויף זיין קאָפּ אויסגעשפּרייט, —

איבער געשריפטס פון אַ לעצט־געבליבענעם ווילן! —
זאַפּט אַריין אין זיך זיין צער און זיין ווייגעשריי:
„אל הורית לנו לאמר שלש עשרה" — —

## חנה מיט אירע זיבן זין

נישט אינמיטן שטוב אויף פיסנבענקעלע
זיצט די מאַמע און לייענט פון טייטש־חומש אַרויס —
זי אַליין איז דאָס יענע חנה־מוטער,
און מיר די זיבן קינדער אירע — אין איר שויס;

אונזערע פּנימלעך ווילד צעשראָקענע, —
אייגעלעך געפינטל אין צעציטערטן בלאָס! —
צווישן די פינגער די מישנדיקע בלעטלעך
פון טריפנדיקע טרערן דורכגעווייקט און נאַס — — —

אָ, איר קול, ווי יאָמערלעך, ווי אויסטערליש!
דאָס געטוליע פון אירע אָרעמס פול מיט שרעק!
פונם תליון, פון זיינע רוצחישע הענט,
זיי רייסן דאָס אַצינד פון איר לייב אונז אַוועק — —

פול ווערט די שטוב מיט געוויין און מיט ציטער,
ווען עס קומט צו צום זיבנטן פון אירע זין,
אַלע צוזאַמען מיר פאַלן צו איר צו:
אַט־אָ לויפט זי צו דער אָפענער טיר אַהין,

אַ באָרפיסע צעכראַסטעטע ווי זי איז,
און פון דאָרטן גלייך אויפן הויכן דאַך אַרויף,
און מיט „שמע ישראל" אויף אירע ליפן,
וואַרפט זי זיך אַ טויטע אַראָפּ אין מיטן הויף —

נישט אינמיטן שטוב אויף פיסנבענקעלע
זיצט מאַמע מער און לייענט פון טייטש־חומש אַרויס,
פון איר פאַרגאָסן בלוט און אירע קינדערס
בלאָס־פאַרווישטער שליאַד קוים ס'איז פאַראַנען נאָך בלויז.



## קינה לתשעה באב תש"ה

אָ, דרויסן גייען קאָסעס צווישן זאַנגען —
פרייד געפלייץ ווי פון געעפנטע שפּונדן;
אָקאָרשט־אָ געשניטענע זאַנגען־סנאָפּעס —
שטייען די שטראַלן־בונטן פעסט געבונדן;
און פאַר אונז די זון, דער אייזערנער קאָם אַלץ,
מיט וועלכן רבי עקיבאס לייב ווערט געשונדן!
אָ, עס פלייצט אונזער בלוט אומזיסט פאַרגאָסן,
פון אָפענע, וויסטע, פון פרישע וואונדן.

אָ, דאָס שטילסטע האַרץ, דאָס פאַרגעבנדיקסטע,
מיט בלוטיקסטער נקמה שוין אויפצורייצן:
איז אויפגעגאַנגען פאַר צעקלינגטע קאָסעס,
צווישן זשניווע־צעזינגטע תפילה־קרייצן,
פון ערד מיט לייבער אונזערע באַמיסטיקט,
דער שטיל־וויגנדיקער זוניקער ווייצן?
אָ, פון אונזער בלוט זידיק פאַרגאָסענעם
גאַנצע וועלט שוין דערמיט צופערפלייצן!

ווי ס'וויקלען הימלען, פריידיק צעשטראַלטע,
צעפלאַמטע פאַרמעטן פול זונענשיינען;
ווערטער אַזעלכע, ליכטיק צעפלאַטערטע,
דאָס טיפסטע דערפון שוין אַרויסצולייענען;
שטיקער יריעות, צוזאַמענבאַהאָפטענע,
די צעריסנסטע הערצער צו פעריינען!
אָ, און אונזערע אויגן הערן נישט אויף אַלץ
די רבי חנינא בן תרדיונס צו באַוויינען —

ווען אַלע „עשרה הרוגי מלכות"
מ'זאָל אויסרעכענען און וועלן פאַרגלייכן —
אַ מעשר מן המעשר, אַ הונדערטסטל,
עס וועט דער פאַרגלייך אויך דאָס נישט דערגרייכן;
דערמאָנענדיק בלויז מיידאַנעק, אָשווענטשים,
עס טוט די ברענענדיקע זון פאַרבלייכן!
אָ, נישט פון אַ פאַרגלייך — פון קרעמאַטאָריומס:
ריחות־רויכיקע שווינדלדיקע הייכן.

א. נ. שטענצל

י. ביעטש

# דער פאַרשפּעטיקטער טאַרג

(דערציילונג)

קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען און ווען ער איז געקומען אינעם שטעטל, נאָר אַז זיין נאָמען איז יעקב יוסף סאַדאָווניק. דאָס איז געווען אַ הויכער מאָגערער ייד, מיט אַ לענגלעכע שפּיציקע נאָז און אַ שיטער בערדל, אַזוינס, וואָס מען האָט נישט געקענט וויסן צי עס איז אינגאַנצן גראָ אָדער עטוואָס גראָליך; אַ גלייכגילטיק פּנים, וואָס ס׳האָט קיינמאָל נישט געלאַכט און שטענדיק אַ פינסטערער. די איינציקע פּרנסה אין זיין לעבן איז געווען האַנדלען מיט פּרוכט, פון דעם האָט ער באַשפּייזט אַ ווייב מיט קינדער. דאָס שטעטל ר., וואו ער האָט געוואוינט, אויך דער געגנט אַרום איז געווען געבענטשט מיט אַ סך פּרוכט סעדער, וואָס כמעט אַ האַלב פונם שטעטל יידן האָבן זיך פון דעם מפרנס געווען.

יעדן זומער איז יעקב יוסף געוואָרן אַ סוחר פון פּרוכטן. אויך שבת איז דער מסחר געווען אַנטוויקלט. גלייך ווי דער עולם האָט פאַרענדיקט די שאַרפע שבתדיקע נאָכמיטאָג מאכלים און דער עלטערער דור האָט געשמאַק געדרימלט, האָבן יונגוואַרג, בחורים און מיידלעך, אַראַנזשירט באַגעגענישן אינעם סאָד: געפירט געהיימע ליבעס, געזונגען, געלאַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. מחמת דעם האָט קליין און גרויס אים גערופן יעקב יוסף סאַדאָווניק. אַז ס׳פלעגט עמיץ קומען אינעם שטעטל און זיך אויף אים געפרעגט, האָט קיינער נישט געוואוסט, סיידן מען האָט אָנגערופן זיין דרייגאָרנדיקן נאָמען: „יעקב יוסף סאַדאָווניק״ — האָבן אַלע ווי פונעם שלאָף דערוואַכט, און יעדער איז גרייט געווען אָנצעווייזן אויף אים. מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאַלטן עטלעכע סעדער און צעטיילט זיין מחנה אין זיי: די מיידלעך אינם שטאָטישן סעדעל, וואו עס זיינען געקומען אַמיינסטן יונגעלייט; דאָס ווייב מיט אַ קליין קינד אין אַ דערבייאיקן דערפל און ער מיט די צוויי יינגלעך אין אַ ווייטערן דאָרף. און פון דעם אַלעם האָט קוים געקלעקט אויפצוהאַלטן דאָס שווער אָרים לעבן. היינט, אויף די עלטערע יאָרן, וויל ער זיך אַביסל אָפּרוען, שוין צייט, עד מתי...

עפּעס אַ שרעק באַפאַלט אים פאַרן געדאַנק. עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז יעדער אינעם שטעטל קוקט אויף אים און שאָקלט מיטן קאָפּ: „נעבעך אַלט געוואָרן״. פאַרטיפט אין זיינע רעיונות וועגן גאָטס השגחה איבער יעדן באַשעפעניש, וועגן מענטש, וועגן יענער וועלט, האָט ער פרום אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, פון דאָרט געזוכט אַ באַפרידיקונג אויף זיינע ספיקות. אין דער אמתן ווייס נאָר איין גאָט, אַז ער וויל זיך בלויז אַביסל פאַרגרינגערן פון זיין שווערער פּרנסה, איבערהויפּט איצט, די קינדער זיינען אַוועק און צעשפּרייט איבער דער גרויסער ווייטער וועלט. האָדל, דאָס ווייב זיינס איז אים נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן, וועט זיין גענוג וואָס גאָט וועט געבן. אָבער זינט נאָך איר טויט זשומעט אין זיין נשמה עפּעס



אַ בענקשאַפט. ער דערזעט אַרום זיך אַ געוואַלטיקע לעדיקייט, אַ פוסטקייט וואָס נאָגט דאָס האַרץ און וואַרפט אַרויף אַ שווערע מידקייט. ער דערפילט פּלוצים אַז עפּעס צעוויקלט זיך אין אים, און רופט מיט אַ ברענענדע לוסט, וואָס וואַקסט צו איין גרויסע און טיפע בענקשאַפט. פאַר זיינע אויגן שווימען אויף יאָרן, יונגע צאַפּלדיקע יאָרן, וואָס זיינען שוין לאַנג אַוועק.

ווינטער צייט איז יעקב יוסף געזעסן גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט אינעם בית־המדרש ביים וואַרימען אויוון. קיין אַנדערע פאַרגעניגענס האָט ער נישט געהאַט און אויך נישט געוואוסט. די וועלט מיט אירע גרויסע אויפטואונגען האָט מיט אים נישט געהאַט קיין שום אָנגעהעריקייט. אויסער אַז עפּעס איז פאָרגעקומען אינעם שטעטל אַ גבירישע חתונה אָדער דער גרויסער יריד, וואָס איז תמיד אויסגעפאַלן אין ווינטער. סוחרים און אָרימע לייט פלעגן קומען פון ווייטע שטעט, איז דער וואַרימער אויוון אינעם בית־המדרש געווען דאָס אָרט, וואָס יעדער האָט זיך צוגעשפּאַרט, ווער מיט אַ האַנט, ווער מיט אַ שטיק פּלייצע. יעקב יוסף האָט מיט גרויס נייגיריקייט זיך צוגעהערט צו די שמועסן. די סוחרים האָבן זיך געאַמפּערט וועגן פרייזן, מסחר, וועלט זאַכן, אַריינמישן פּסוקים וואָס איז מרמז אויף משיח. די אָרימע לייט האָבן גערעדט פון גוטע מאכלים, גראָשענס וכדומה. און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אַזוי איז שוין דער מנהג פון דער וועלט — דער גביר אויבן און דער אָרימאַן ביי דער טיר. ער האָט אַ מאַך געטון אין דער לופטן מיט זיין האַנט, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט פאַרטרייבן אַ זאַך וואָס האָט אים שטאַרק געמוטשעט. ער האָט אָן בעזונדערע טענות געפירט זיך ווי אַלע פרומע יידן פירן זיך און געטון דאָס וואָס אַ ייד דאַרף טון . . .

דאָס יאָר, ווען האָדל דאָס ווייב זיינס איז געשטאָרבן האָבן זיך פרי געשטעלט מוראדיקע קעלטן. אין דרויסן איז געפאַלן אַ דראָבנער טרוקענער שניי, ס׳איז געוואָרן אַלץ ווייסער און העלער און אויסגעזען ווי איין שטיק ווייסקייט, אַ שאַרפער ווינט האָט מיט עקשנות אויפגעהויבן און געטראָגן גאַנצע זשמעניעס מיט שניי, זיך געוויקעלט אַרום די האַלב איינגעפאַלענע הייזלעך און מיט אַ געקלאַנג ערגעץ אַוועק. דאָס קליינע בית המדרשל האָט געקרעכצט, געציטערט, ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אָט־אָט פאַלט עס איין. ער איז אומגעגאַנגען איבער דעם קלויז פאַרטראַכט און אַלע מאָל געוואָרפן אַן אומעטיקן קוק אויף די אָנגעפרוירענע שויבן, וואָס זיינען געווען באַזילבערט פון פראָסט. אַ טיפער טרויער נעמט אַרום זיין נשמה, אַז ס׳גלוסט זיך אים וויינען און מיט די טרערן אָבוואַשן זיין גרויסן צער. אַ פאַרטראַכטער איז ער געבליבן שטיין. עפּעס האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין מחשבה: אפשר גאָר חתונה האָבן, ער איז נאָך נישט אַזוי אַלט . . . אַ קאַלטער שוידער איז דורך זיין לייב, אַ קרעכץ פון פאַרלאָרנקייט און איינזאַמקייט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן און דערפילט ווי איינער וואָס קייקעלט זיך פון אַ הויכן באַרג אַראָפּ.

* * *

עס זיינען אַוועק חדשים און וואָכן. די טעג זיינען וואַרימער געוואָרן. די

זון האָט פּלוצים אַ ברייטן שמייכל צו דער ערד געטון און באַגאָסן די הייזלעך מיט זונען־גאָלד. ער האָט זיך איינמאָל אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעכאַפּט און מיט התפעלות אויסגעשריגן: „דער פרילינג איז דאָ“! זיין עכאָ האָט איבערן שלאָפנדן און לעדיקן שטעטל אָפּגעקלונגען: פרילינג איז דאָ. אַ פריילעכער און אַן אויפגערוימטער האָט ער איינגעזאַפּט די וואַרעמע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע ריחות און ביי זיך דערשפּירט צוויי פרילינגס, איינעם אין דרויסן און איינעם ביי זיך אין האַרצן. אגב האָט עס אים דערמאָנט אינעם סאָד ביים פריץ סטאַשינסקי, אינעם דערבייאיקן דאָרף, וואו חיים משה האַלט די פאַכט. דער טאָג האָט פּאַמעלעך זיך אַריינגעשלייכט אינעם שטעטל און אויס רחמנות עס נישט געוואָלט וועקן פון די אַוועקגייענדיקע נאַכט.

אין אַזאַ פאַנטאַסטישן פרימאָרגן האָט יעקב יוסף דער ערשטער זיך באַוויזן אין מאַרק. די הענט פאַרלעגט אויף הינטן, שפּרייזנדיק פאַרטראַכט, האָט ער אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון משה חיימס פערדס פּאַטקאָוועס, וואָס האָבן ריטמיש און מאָנאָטאָן אָפּגעהילכט אויף דעם מיט שטיין ברוקירטן געסל. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט אַקעגן משה חיימען, וואָס איז ווי פאַרגליווערט געזעסן אויפן וואָגן, וויגנדיק זיך אַרויף און אַראָפּ. יעקב יוסף שפּאַנענדיק פּאַזע נעבן וואָגן, האָט אַ כאַפּ געטון זיין בערדל מיט דער גאַנצער דלאָניע פון זיין האַנט, דעם שטערן טיף פאַרקנייטשט און אַ פרעג געטון: „נו, רב חיים, ווי האַלט עס דאָרט?“

חיים משה, אַ קליינער פאַרשוין מיט ווייסע ברעמען און אויסגעשטאַרטשעטע קינבאַקן, אַ גרויס מויל, וואָס ס׳איז תמיד געווען אָפן, ווייזנדיק נישט קיין גלייכע און צעבראָכענע ציין, האָט אַ ברייטן געניץ געטון אין דעם קיילעכדיקן מאַרק אַריין און האַלב פאַרשלאָפן געמורמלט: „מיט גאָטס הילף, עס האַלט, עס האַלט“ . . . און נאָך זיין אויסזען איז געווען שווער צו וויסן, וואָס ער האָט אין זינען. אין מאַרק ביים פּלומפּ זיינען שוין געשטאַנען יידן אין אַ רעדל, אויפן האַרצן איז געווען שווער ווי אַלע מאָל אין דער פרי. זיך געהיצט וועגן ענינים וואָס האָבן לגמרי מיט זיי קיין שייכות נישט. אָבער אַלע זיינען געקומען מיט דעם איינעם צוועק, אויסצוגעפינען ביי חיים משהן, ווי עס האַלט מיט דעם סאָד אין דאָרף. כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז חזקה דערויף האָט יעקב יוסף. ערשטנס האַלט ער זיך פאַר אַ שטיקל קרוב מיטן מילך־יידן פונעם ווייבס צד, אמת, זער אַ ווייטער קרוב, אָבער דאָך אַ קרוב, והשנית האַלט ער דעם סאָד פון כמה יאָרן, און אַ ייד וועט דאָך נישט שלאָגן אין מקח. עס זיינען אפילו געווען בעלנים אינעם שטעטל דאָס צו טון, אָבער חזקה איז חזקה. ביסלעכווייז האָט דער עולם פונעם שלאָף דערוואַכט. מיידלעך מיט טעפּלעך און קריגלעך האָבן געאיילט אינעם מאַרק נאָך מילך, קעז און פּוטער. פאַרשמייעטע יידן זיינען געלאָפן אינעם בית־המדרש. דער געקלאַנג פון די אַראָפּגענומענע פרענטן ביי די געוועלבער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן רעש



פונעם ערשט דערוואַכטן טאָג. דאָס שטעטל ר. האָט ווידער אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם עול פרנסה.

עס איז געווען אַ הייסער נאָכמיטאָג. די היץ האָט אַלעס און יעדן איינגעשלעפערט. יעקב יוסף איז געזעסן נעבן חיים משהן אין וואָגן. ביידע האָבן געדרימלט, טרייסלנדיק זיך פּאַמעלעך אַהיים אין דאָרף. די זון איז געשטאַנען אין רעכטן מיטען הימל און געגאָסן מיט פייער אויף די ביימער און פעלדער. פון ביידע זייטן וועג שעמערירט מיט בליענדע קאָלירן. די קאָרן זאַנגען זיינען שטיל געשטאַנען און זיך געוויגט אונטער אַ הייסע גאָלדענע זון. דאָס פערדל האָט זיך קוים געשלעפּט, דראַפּנדיק זיך באַרג אַרויף און וואַרפנדיק מיט קאָפּ, כדי אָפּצורוקן דעם הייסן כאָמאָנט, וואָס האָט געדריקט זיין פאַרשוויצטן קאַרג. ערשט פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ צום מעריב, שטיל און פּאַמעלעך, געהילט אין פלאַמען, איז חיים משה געקומען אַ היים. פאַרן טיר אין געשטאַנען זיין ווייב צביה, אַ קרעפּטיקע מיטליאָריקע יידענע אין אַ געבלימעלט סיטצען קלייד און אַ געשטרייפּט ברייט פאַרטוך, וואָס ס׳האָט שיין געפּאַסט אויף איר פולע רונדע היפטן. אַ פאַרברענט פּנים פון דער זון און אַ רויט טיכל אַרום איר קאָפּ, האָט זי אינעם בין השמשות אויסגעזען באַזונדערס שיין. אַ יינגעלע פון אַ יאָר דריי איז געזעסן אויף אירע דיקלעכע הענט און דערנעבן איז געשטאַנען דער צען יאָריקער לייזער, וואָס חיים משה רופט אים דער יונג.

בשעת יעקב יוסף איז אַרויסגעקראָכן פונעם וואָגן, האָט ער אַ מאָדנעם שמייכל געטון, און אַ פאַרגנבטער בליק איז געפאַלן אויף איר רונדע פיגור. צביה האָט נישט ווילנדיק זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע האַלב פאַרזשמורעטע אויגן, שנעל אויפגעכאַפּט זיין געדאַנק און זיך ווי אַ יונג ווייבל ערשט נאָך דער חתונה שטאַרק זיך גערויטעלט. זי האָט אים ווי תמיד באַגריסט מיט אַ ווייבערישן גוטנ־אָוונט און אַריינגייענדיק אין הייזל זיך געחידושט, וואָס עפּעס היי־יאָר אַזוי פרי. פון ביידע זייטן וועג האָבן די הויכע טאָפּאָלן בוימער פריינטלעך אַריינגעקוקט אין דעם קליינעם פענסטערל . . . יעקב יוסף, אַ מידער, האָט מיט ליבע געקוקט אויף די לאַנגע פאַנטאַסטישע צווייגן, וואָס רייסן זיך צום הימל אַרויף און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז מיט זיי שוין פון לאַנג גאָר נאָענטע מחותנים. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַרטן זיי אויף אים, אָפּצוגעבן שלום עליכם, און פול מיט סודות מורמלען זיי אַזוי פרי, אַזוי פרי . . .

• • •

דער זומער איז געפלויגן צו זיין שנעלן סוף. עס האָבן זיך אָנגערוקט די אלול טעג. די פירות הויבן אָן צו ווערן איבערצייטיק. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ סאָרטירט ער די פרוכט און פּאַקט דאָס אויבס אין קלענערע און גרעסערע פעסלעך. דאָס איילט ער איצט צו, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם גרויסן טאָרג, וואָס פאַלט תמיד אויס פאַר די ימים־נוראים. עס איז געווען אַ יעסענדיקער פרימאָרגן. אַ פייכטער נעפּל האָט דאָס דאָרף איינגעהילט. די אויפגיי־

ענדיקע זון האָט זיך געטוקט אין אַ ים פון גרויע וואָלקנס. דאָס פערדל שוין געשפּאַנט אינם וואָגן, קייענדיק דאָס לעצטע ביסל היי, איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, די אויערן אָנגעשפּיצט, ווי איינער וואָס וויל זאָגן: „צו פיל בעל־הבית״. דאָס דאָרף האָט געשמעקט מיט פריש געשניטן היי און דעם צען יאָריקן לייזערן האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרלירן אַ לוסטיקן פאַרנאַכט אין שניט־צייט, ווי ער האָט אינאייינעם מיט די פּויערים יינגלעך און מיידלעך געשטיפּט, געלאַכט און אָפּגעטון כל־ערליי שטיק. אָבער זייט חיים משהעס הוסטן פאַלט דער עול פון דער שטוב אַלץ מערער אויף דעם קליינעם לייזערן, וואָס וויל דערמיט באַצאָלן עפּעס אַ חוב צו דער שטוב דערפאַר, וואָס ער וועט פאָרן מיט דעם אויבס אין שטאָט. דערזעענדיק דעם פיל געפּאַקטן וואָגן, האָט ער זיך געוואונדערט, ווי וועט דאָס די שקאַפּע קענען שלעפּן אַזוי פיל פּעסלעך מיט אויבס. צביה, די מאַמע זיינע, האָט געקוקט אויף דעם יינגל מיט אַ ווייך רחמנות פּנים און זיך דערמאָנט אַז טאַקע דאָ פאַרן הייזל האָט זי דעם ערשטן גליקלעכן אוי אויסגעשריגן, בשעת זי האָט דערשפּירט, אַז עפּעס האָט זיך אין איר אַ ריר געטון. דעמאָלט האָט זי געהאַט אַנדערע האָפענונגען. איצט וואָס וועט פון אים ווערן, זייענדיק אָבגעריסן פון יידן און יידיש לעבן. אַ גאַנצער מבול פון טרערן זיינען געפלאָסן פון אירע האַלב פאַרמאַכטע אויגן, אָנגעזאַמעלט דורך די שווערע צייט האָט זיך מיט איינמאָל אַראָפּגעלאָזט.

יעקב יוסף האָט מיט אַ שווערן געמיט זיך געזעגנט מיטן סאָד און מיטן דאָרף. צביה האָט זיי באַגלייט ביז צו די צוויי שייד־וועגן. אַלע דריי זיינען אַ פּאָר מינוט לענגער געשטאַנען און פאַרחלומט געקוקט אויף דעם ברייטן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צום שטעטל. ער האָט איר געוואונטשן אַ זיי געזונט און אם ירצה השם איבער אַ יאָר... האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ביי אים האָבן אַ ציטער געטון זיינע ווערטלדיקע אויגן . . . דאָס פיל געפּאַקטע וועגעלע האָט אַ שווערן סקריפּע געטון, און זיך וויגענדיק אַריינגעשניטן אינם זאַמדיקן וועג. שעהן נאָך שעהן זיינען זיי געגאַנגען זייט ביי זייט און געשוויגן. דער קאָפּ אַרבעט דעמאָלט נישט געבעטענערהייט. עס פּלאָנטערט זיך אין זיין געדאַנק אַ פאַרשפּעטיקטער טאָרג, פרעמד געלט. ער דערזעט פּלוצים צביהן אין איר סיטצען קלייד, מיטן רויטן טיכל אַרום איר קאָפּ, טרייבנדיק פון זיך שלעכטע מחשבות. גיט ער אַלע מאָל אַ מאָדנעם ווילדן ברום, וואָס ס׳האָט זיך געריסן פון זיין טרוקענער קעל, און קייקעלט זיך אַוועק איבער די גרינע בערגער.

ערשט בין מנחה למעריב זיינען זיי אָנגעקומען אין שטעטל. עס האָט זיך דערפאַר מאָדנע פאַרקוועטשט דאָס האַרץ און עס האָט אויף זיי אַ בלאָז געטון מיט טרויער. עס וועט שוין נישט זיין קיין צייט מער די פּרוכטן פון די פּעסלעך אַרויסצונעמען . . . דאָס האַלב פאַרמוטשעטע פערדל איז געשטאַנען טרויעריק, וועלכעס האָט קענטיק דערשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, אַראָפּלאָזנדיק דעם מידן קאָפּ זיינעם און מיט די אויגן ממש זיך געבעטן אַביסל אָפּצורוען דער קליינער לייזער האָט שטאַרק מורא געקריגן פאַר די אָנקומענ־



דיקע נאַכט. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן ביי נאַכט אַליין. עס האָט זיך פאַר אים גענומען מאָלן אַלע שרעקנדיקע מעשיות, וואָס ער האָט געהערט דערציילן פון זיין מוטער. קוים איז לייזער אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועגס איז מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן. דער הימל פאַרצויגן מיט שווערע וואָלקנס, ווי שוואַרצע גרויסע בערג. גראָבע טראָפּנס רעגן זיינען געפאַלן, בלענדענדע בליצן האָבן דעם שוואַרצן הימל דורכגעשניטן און דאָס קנאַלן פונם דונערן האָבן זיך ערגעץ ווייט אָוועקגעקאָלערט. מיד, הונגעריק און שטאַרק דורכגענעצט האָט לייזער אַרויסגעלאָזט די לייצעס פון זיינע הענט — סיי ווי סיי ווייסט דאָס פערד דעם וועג אַהיים, און פאַר פּחד אַרונטערגעקראָכן הינטערן געזעס. יעקב יוסף האָט מיט אַן אָנגעזאָליעט האַרץ זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין און פאַר גרויס מידקייט און זיך באָדנדיק אין אַנגסטן, האָט ער ווי פון היץ גערעדט, געשאָלטן די פגירה פאַר פטרן דעם גאַנצן טאָג מיט איר שלעפּן זיך און זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, עפּעס ווי ער וואָלט מחילה געבעטן ביים קראַנקן חיים משהן . . . ביי צביהן, וועלכע שטייען נאָך אַלץ ביים שיידוועג . . . און ער האָט שוידערדיק אַרויסגעקרעכצט אַ פאַרצווייפלטן „אוי, פאַרשפּעטיקט, פאַרשפּעטיקט דעם טאָרג . . .״

משה עובד

## ס׳חדר ווײַנט

(פון בוך „אין חדר אַריין״ וואָס ערשיינט קירצלעך)..

ווען דער בעלפער איז צוריק אין ליידיקן חדר אַריין,
האָט ער פון יעדן ווינקעל דערהערט אַ דערשטיקענד געוויין,
ווי אַ מאַמע וואָס האָט אירע קינדער אויסגעגעבן
און איז געבליבן אַליין מיט איר איינזאַם לעבן.

וואָס מאַכט איר אַצינדער, מיינע קינדער?
מיינע וואונדן! מיינע ווינדער!
צי לעבט איר די לערע צווישן מיינע ווענט געהערט?
אָדער חס־וחלילה פאַרקערט.
מיט מיינע זעקס פליגלען האָב איך דאָך אייך,
ווי אַ גוטער מלאך תמיד באַשיצט,
אייער ווייטאָק און שמייכל, ווי לייכט,
איז דאָך אויף מיין פּנים אויסגעקריצט.

אוי! וואָס מאַכט איר מיינע קינדער איצט?

איך האָב דאָך אייך איינגעוויקעלט אין אַ הייליקע מגילה,
אייך געוויזן דעם וועג צו דער היילענדער גאולה,

נו, וועט איר היטן דעם ניצוץ, ווי דעם פֿאָטער פֿאַרשפּראָכן
און לעבן גן־עדנדיק אין דערוואַכן?

אָדער בלייבן הפקר אין גאַס,
פֿאַרסמט פֿון האַסען און פֿון האַס,
אויף בראָך צובראָכן,
פֿון שנאה אָדורכגעשטאָכן?

אוי קינדער, קינדער! מײַנע קינדער!
מײַנע וואונדן! מײַנע ווינדער!"

אַזוי האָט ס'חדר געטרערט טײַכן,
יעדער טרער אַן אויס־געשריי־צײַכן,
אויסגעבערענט אין האַרץ פֿון בעלפֿער טיפֿע לעכער,
אַ האַרץ, אַ פֿאַרשווּעכטער קידוש־בעכער.

דר. לעאָן מערקין

## די צוקונפֿט פֿון דער יידישער קולטור

די וועלט־מלחמה מיט איר פֿאַרניכטונג פֿון פֿינף מיליאָן יידן, ד.ה. פֿון אַ דריטל פֿון דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, האָט ערשט אויפֿגעשטעלט די פֿראַגע וועגן דער צוקונפֿט פֿון יידישער קולטור. אין נאָרמאַלע צײַטן קען מען נישט און מען ברויכט נישט אַזאַ פֿראַגע צו שטעלן. כל זמן עס עקזיסטירט אַ פֿאָלק, ענטוויקעלט עס אַ קולטור. אין מאַנכע צײַט שטייט די קולטור אויף אַ העכערער מדרגה, אַמאָל אויף אַ נידריקערער, אַזוי, ווי בײַ אַלע פֿעלקער, און נישט נאָר אין קולטור־פֿראַגן, איז דאָ צײַטן פֿון אויפֿבליאונג און פֿון נידערגאַנג. די פֿאַרניכטונג אָבער נישט נאָר פֿון פֿינף מיליאָנען מענטשן פֿון אַ פֿאָלק, נאָר אויך דער חורבן פֿון די ערטער און אינסטיטוציעס, שולן, צײַטונגען, ביכער און כּדומה, באַדײַט, אַז דער מקור פֿון וועלכער אַ קולטור האָט זיך געקענט ווידער אויפֿריכטן, איז נישט מער פֿאַרהאַן, און אָן די וואָרצלען קען אַ בוים נישט וואַקסן און אָן אַ באַזיס פֿון אַ ברייטער מאַסע, וועלכע זאָל טראָגן און ענטוויקלען די קולטור קען קיין קולטור נישט ענטשטיין. דאָס פּוילישע יידנטום, וועלכעס האָט געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, וועלכעס האָט געשאַפֿן אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, איז געווען דאָס הינטערלאַנד, דער מקור פֿון יידישער קולטור. מיט זײַן פֿאַרשווינדן שטייען מיר פֿאַר דער גרויסער פֿראַגע: קענען מיר נאָך רעכענען מיט אַן ענטוויקלונג פֿון וועלכער ס'איז יידישער קולטור?

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נאָך די מיליאָנען־מאַסע פֿון אַמעריקאַנישן יידנטום. דאָרט האָט זיך אויך אין משך פֿון די לעצטע 50 יאָר ענטוויקלט אַ יידישע קולטור, אין די מיליאָנען נומערן פֿון טעגלעכע יידישע צײַטונגען, די פֿאַרייגען, די שולעס און אינסטיטוציעס, זײַנען דער בעסטער באַווייז פֿון אַ



פּולסירענדן קולטורעלן לעבן פֿון דער יידישער קהילה אין אַמעריקע. די באַדינגונגען אָבער, אונטער וועלכע די יידן אין אַמעריקע לעבן, איז אַבסאָלוט פֿאַרשידן פֿון די באַדינגונגען אין וועלכע די יידן אין פּוילן פֿאַר דער מלחמה האָבן געלעבט. אין פּוילן האָבן זיי שטענדיק געלעבט אין אַ געטאָ — עקאָנאָמיש איז דער קרייז אין וועלכן זיי האָבן געקענט זיך באַוועגן געוואָרן אַלץ ענגער; די שולעס, אין וועלכע די קינדער זײַנען געגאַנגען האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן ווערן צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, אַזוי אַז אַ געוואַלטיקע צאָל פֿון קינדער האָבן באַזוכט ריין־יידישע שולעס. די אינטעליגענץ האָט געהאַט ווייניק מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין דעם פּוילישן קולטור־קרייז און האָט געמוזט, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק ווידמען זייערע ענערגיעס אין די ראַמען פֿון דעם יידישן קולטור־קרייז. דאָס אַלץ האָט באַגינסטיקט די ענטוויקלונג פֿון אַ ספּעציפֿיש יידישער קולטור, און אייגנטלעך ערשט איצט, אַז מיר האָבן זי פֿאַרלאָרן, קומט אונז צום באַוואוסטזײַן וואָס און וויפֿיל מיר האָבן פֿאַרלאָרן. אין אַמעריקע אָבער גייט די ענטוויקלונג קעגן אונז, נישט פֿאַר אונז. די עקאָנאָמישע און גייסטיקע פֿרייהייט אויף וועלכער אַמעריקע איז געבויט געוואָרן, גיט אַ געוואַלטיקן אימפּולס פֿאַר אַסימילאַציע. די פֿרייע שולעס, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן און אונטערשטיצט פֿון דער רעגירונג, האָבן אַן אומגעהײַערע ציִאונגס־קראַפֿט און די פּריוואַטע יידישע שולעס קענען נישט קאָנקורירן מיט די מלוכהשע שולעס, וועלכע זײַנען פֿריי און אָן באַשרענקונגען אָפֿן פֿאַר דעם יידישן יונגן דור. דאָרט אָבער ווערן זיי ערצויגן ענגליש, נישט יידיש און דאָרט הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע. די צוגעוואוינונג צו דער ענגלישער שפּראַך פֿון יינגן דור פֿירט אָבער דאָן צו אַ פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל פֿון לעזער פֿון יידישע ביכער און צײַטונגען, און די סטאַטיסטיק פֿון די פֿרייע עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן באַשטעטיקן דעם פֿאַקט. עס לעזט יידיש דער עלטערער דור און אַ קליינע צאָל פֿון יונגן דור, וועלכע האָט נאָך אַ געפֿילס־פֿאַרבינדונג מיט יידיש אַלס אויסדרוק פֿון טראַדיציע. דער סוף איז, למשל, אַז פֿילע יידישע צײַטונגען מוזן שוין דרוקן כאָטש איין זײַט אין ענגליש, בכדי ווי עס איז צו האַלטן דעם טיראַזש. עס ענטשטייען זשורנאַלן און מאַגאַזינען אין ענגלישער שפּראַך פֿאַרן יידישן לעזער, בכדי כאָטש אויף אַזאַ אופֿן אים אינגאַנצן נישט צו פֿאַרלירן. די יידישע קולטור אין אַמעריקע ווערט געהאַלטן און געטראָגן פֿון דעם הייפֿל יידישער אינטעליגענץ און דעם עלטערן דור, און די אויסזיכטן זײַנען לעת עתה נישט קיין גוטע. אין דרום־אַמעריקע זײַנען די באַדינגונגען נישט פֿיל אַנדערש. אויך דאָרט גייט ווייטער דער פּראָצעס פֿון שפּאַניזירונג, ווי אין צפֿון־אַמעריקע — פֿון אַנגליזירונג. אין ענגלאַנד איז דער פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע אַמווייטסטן געגאַנגען. מען קען דאָ קוים נאָך ריידן פֿון דעם באַשטייען פֿון אַ יידישער קולטור. קיין יידישער זשורנאַל האָט זיך דאָ נישט געהאַלטן. נאָר די האַרטנעקיקייט פֿון מאָריס מייער האָט באַוויזן צו האַלטן די טעגלעכע צײַטונג „די צײַט", וועלכע מוז פֿאַרצווייפֿלט קעמפֿן קעגן דעם שטראָם פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון דער יידישער שפּראַך אין ענגלאַנד. דאָ

איז דער קאמף פאר דער דערהאלטונג פון יידיש נאך שווערער, ווייל אחוץ איינצעלנע יחידים, איז נישטא קיין באוועגונג און קיין אינסטיטוט, וועלכער זאל באטראכטן דאס אלץ זייער לעבנס־אויפגאבע.

וואס איז די אונטערשטע שורה פון דער אנאליזע פון דעם מצב פון יידישער קולטור אין היינטיקע צייטן? אויב מיר זאלן רעדן וועגן דער יידישיסטישער קולטור, ד.ה. וועגן דער קולטור, וועלכע ווערט געשאפן אין דער יידישער שפראך, זיינען די אויסזיכטן זער שלעכטע. איך גלויב נישט, אז יידיש אלס שפראך וועט אונטערגיין. די פאלקס־מאסן, נישט קוקנדיק אויף אלע אסימילירונגס־טענדענצן זיינען נאך זער שטארק געפילסמעסיק פארבונדן מיט יידיש און די יידישע שפראך איז זער שטארק פאראנקערט אין דעם אונטערבאוואוסטזיין פון יידישן מענטשן. מען קען עס אמבעסטן באמערקן אויף א ציוניסטישער קאנפערענץ, וואו ס׳קומען צוזאמען מענטשן פון אלע קרייזן, אויך אזעלכע, וואו יידיש אלס אומגאנג־שפראך איז גאנץ אומבאקאנט. טאמער רעדט אבער א פאפולערער רעדנער אין יידיש און אפשר דערציילט ער א גלייכווערטל, שטראלן אלע פנימער, און אפילו אזוי־גערופענע אנגלאס, ד.ה. אלט־איינגעזעסענע ענגלישע יידן כאפן זיך מיט אמאל, אז זיי פארשטייען דעם רעדנער. דאס זעלבע קען מען באמערקן איבעראל. ווי ס׳זאגט דאס גלייכווערטל, אז מען גיט א קוועטש א משומד, שרייט ער „אוי, מאמע“.

דעריבער האלט איך, אז אלע נביאות וועגן דעם אונטערגאנג פון יידיש זיינען פאלש. דאס באשטיין אבער פון א שפראך הייסט נאך נישט, אז עס וועט זיין א גרויסע יידישיסטישע קולטור. איך גלויב אויך נישט, אז שוין, וועלכן מלוכות זאלן געבן דער יידישער קולטור אין וועלכער ס׳איז פארם און אפילו דירעקטע אונטערשטיצונג וועט עפעס העלפן. דער בעסטער באווייז איז רוסלאנד. דארט ווערט יידיש אין די יידישיסטישע קולטור דירעקט פראטעזשירט פון דער מלוכה, און נישט קוקנדיק דערויף, וואס מען האט א יידיש־מלוכה טעאטער, יידישע פאעטן און שרייבער, א יידישע צייטונג, און אפילו א יידישע רעפובליק (בירא־בידזשאן), ווערט דער טיראזש פון דער צייטונג קלענער, ווערט דער טיראזש פון יידישע ביכער קלענער. דער יונגער דור רעדט כמעט נאר רוסיש און מיט דעם אפלאזן פון דער יידישער רעליגיע טרעט די אסימילאציע מיט ריזיקע שריט ווייטער. ערשט מיט א פאר טעג צוריק האב איך גערעדט מיט א מענטשן, וואס איז מיט צוויי יאר צוריק אדורכגעפארן בירא־בידזשאן און געווען אין דער הויפט־שטאט. אויפן וואקזאל האט ער נישט געקענט קריגן דעם „עמעס“, און כאטש אויפשריפטן זיינען געווען אין רוסיש און יידיש, האבן א סך מענטשן דארט נישט געוואוסט, אז דאס איז די יידישע רעפובליק מיט איר הויפט־שטאט.

ניין, שוץ און אונטערשטיצונג זיינען גוט אז ס׳איז דא וואס צו שטיצן און שיצן. וואו עס פעלט אבער דער באזיס פון קולטור, העלפט גארנישט.

אבער יידישע קולטור איז נישט א סינאנים און נישט גלייכבאדייטענד מיט יידישיסטישער קולטור. אזוי לאנג ווי ס׳עקזיסטירט א יידיש פאלק, זיינען מיר



שטענדיק געווען א פיל־שפראכיק פאלק. איך ברויך נאר צו דערמאנען תרגום אונקלס און גרוואלטיקע שטיקער פון תלמוד, געשריבן אין אראמעאיש; אדער די יידישע שרייבער אין גריכישער און רוימישער צייט, וועלכע האבן געשריבן פאר יידן אין גריכיש און לאטייניש. אדער די צייטן פון אראביש־יידישער און שפאניש־יידישער קולטור־עפאכע. און אזוי גייט די פילשפראכיקייט דורך די דורות און יארהונדערטער ביז צו דער היינטיקער צייט, וואו יידישע קולטור איז געשאפן געווארן אין דייטש, פראנצויזיש, רוסיש, ענגליש א.אז.וו. האט דאך פרוג, למשל, געשריבן אין רוסיש פונקט אזויפיל, ווי אין יידיש. זיינען היינעס יידישע טעמעס געשריבן אין דייטש נישט ווערק פון יידישן קולטור־קרייז? און אין היטלערס צייטן אין דייטשלאנד איז נישט ערשינען, געשריבן אין דייטש, א זער שטארק יידיש בוך „דער וועג אן א סוף“ פון גרשון שטערן, א בוך, וואס באשרייבט דאס יידישע געטא לעבן פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע און וועלכע פארדינט איבערזעצט צו ווערן אין אלע שפראכן?

און ארויסגייענדיק פון דעם פאקט פון פיל־שפראכיקייט פון דער יידישער קולטור, זעען מיר די אינטערעסאנטע ערשיינונג, אז מיר האבן אין משך פון צוויי טויזנט יאר באשריבן א פולן קרייז און דורך פארשידענע מדורות צוריקגעקומען צום מקור, ד.ה. העברעאיש. העברעאיש איז קיינמאל נישט פארגעסן געווארן אלס שפראך, אין וועלכער ס׳זיינען תמיד געשאפן געווארן קולטור־ווערטן. איך רייד שוין נישט וועגן דער רבנישער ליטעראטור, וועלכע געהערט אויך צו דער קולטור שאפונג, אבער די פייטנים אדער יהודה הלוי און א סך אנדערע זיינען געווען די יידיש־העברעאישע קולטור־טרעגער. און יעצט, אין דער צייט פון חורבן קענען מיר ווידער פעסטשטעלן, אז גאט שיקט די נחמה פאר דער מכה. די לעצטע 25 יאר, אין וועלכער מיר האבן געזען אן אונטערגאנג פון יידיש און יידישיסטישער קולטור, האבן גלייכצייטיק געבראכט אן אויפבליאונג פון דער יידישער קולטוראין העברעאיש אין א״י. ס׳איז נישט נאר דאס שאפן פון העברעאישן שול־נעץ און די שאפונג פון העברעאיש אלס טעגלעכע אומגאנגס־שפראך אין ארץ־ישראל, אדער די יידישע פאעזיע און ליטעראטור אין העברעאיש, די ווערק פון אזעלכע ריזן, ווי ביאליק, טשערניכאווסקי אדער עגנון זיינען דער בעסטער באווייז פאר דער לעבעדיקייט פון דער נייער יידישער קולטור אין ארץ ישראל. ס׳איז פאראן א נאך וויכטיקער און בעסערער באווייז, ווי איינגעווארצלט ס׳איז די העברעאישע שפראך אין דעם יידישן פאלק אין א״י. אין דער צייט ווען אין גלות איז נישט געשאפן געווארן כמעט קיין איין יידיש פאלקסליד, און אז מיר הערן יידישע זינגער, הערן מיר נאך אלץ דיזעלבע פאלקסלידער פון „א בריוועלע דער מאמען“ און „פריפעטשיק“ און „יאמע, יאמע“, וועלכע אונזערע אבות האבן שוין געהערט און געזונגען, זעען מיר אין ארץ ישראל, ווי די פאלקסלידער אנטשטייען כמעט טעגלעך אין דעם הארעפאשנעם לעבן פון ארבעטנדיקן ארץ ישראל, אין די פעלדער, פרדסים און אויך אויפן כביש און אין דער פאבריק. דאס קומט דערפון, וואס דאס לעבן אין ארץ ישראל, טאקע דערפאר אפשר, ווייל ס׳איז

שוועער און פול מיט פּראָבלעמען און קאַמף, איז לעבעדיק, פּולסירענד. בשעת דער גלות האָט סטאַגנירט, דאָס לעבן דאָרט אין משך פון לעצטן דור איז געווען שטיקנדיק, אָן אַן אויסוועג, אָן פרישע לופט. עס האָט געפעלט די ליבע צום לעבן, די שמחה, וואָס מען לעבט און מען אַרבעט און מען פרייט זיך מיטן גוטן און מען טרויערט מיט דעם בייזן — דאָס וואָס מען האָט אין ארץ־ישראל און וואָס האָט געפעלט אין דער שטענדיק אומעטיקער אַטמאָספערע פון גלות־לעבן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מען מוז אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין גלות און זיך לחלוטין אָפּזאָגן פון אים. פאַרקערט, מיר האָבן שטענדיק געהאַט גלות־שאַפונג און ארץ־ישראל שאַפונג. ווי ווייט די שארית־הפליטה וועט נאָך קענען אַרויסברענגען נייע קולטור־ווערטן, ווייסן מיר נאָך נישט. מיר זיינען צו נאָענט צום חורבן. און די אַסימילאַציאָנסטענדענצן אין די פאַרשידענע לענדער מוז מען פּרוּוון איינצוהאַלטן, אויף וויפיל מען קען. ווייל קלאָר איז, אַז אין גלות קען למשל אַ העברעאישע אַטמאָספערע און קולטור נישט געשאַפן ווערן. און ווען מיר צולאָזן, אַז יידיש און יידישיסטישע קולטור זאָל פאַרשווינדן אָדער צאַנקען, וועלן מיר פאַרלירן אי עולם הבא, אי עולם הזה, דאָס הייסט, מיר וועלן נישט האָבן אין גלות אַ דור, וואָס רעדט און שאַפט העברעאיש און מיר וועלן פאַרלירן די, וואָס רעדן יידיש און וואָלטן, ווי פריער געקענט זיין דער מקור פאַר דער העברעאישער קולטור אין ארץ ישראל.

די טרעגער פון יידישער קולטור איבעראַל אין דער וועלט זיינען ציוניסטן, ווייל זיי זיינען דער אויסדרוק פון יידיש נאַציאָנאַלן געדאַנק. דעריבער איז אויך דער חוב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו אונטערשטיצן די יידישע שפּראַך אין גלות, ווייל זי איז נישט נאָר נישט קיין קאָנקורענט פון העברעאיש, נאָר פאַרקערט אַ הילף און שאַפט אַן אינערלעכן קאָנטאַקט צו אַ יידישן נאַציאָנאַלן געפיל און דערמיט פאַרשפרייט זי ציוניזם און אפילו העברעאיש.

מען ברויכט זיך נישט מאַכן זאָרגן וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער קולטור. אין וועלכע שפּראַכן זי זאָל נישט געשאַפן ווערן, אין וואָס פאַר אַ פאָרם און אין וועלכע לענדער וועט זי בליען — אַזוי לאַנג, ווי ס׳עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק, וועט דער געניוס און דער גייסט פון דער יידישער ראַסע שאַפן אייביקע, אומשטערבלעכע ווערטן. נישט אומזיסט ווערן מיר גערופן „עם־הספר”, דאָס בוך און דאָס וואָרט זיינען שטענדיק געווען אונזער גרעסטער כלי־זין, און מיט אים וועלן מיר זיגן און בויען אַן אייביקע יידישע קולטור.

נחום שטענציל

## דער באַנקראָט פון יידישער ערציאונג — אָן יידיש

וואָס איז די ערגסטע זאַך פון שווינדל און אָפּנאַרעריי? — דער פאַקט, אַז סוף כל סוף איז מען אַליין דער באַשווינדלטער און אָפּגענאַרטער. דאָס איז אַ געזעץ, וואָס מ׳זעט עס באַשיינפּערלעך סיי ביי אַ יחיד, סיי ביי אַ רבים.



און ווי איז דעמאָלט ווען אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק, הויבט אָן גיין אויף אַזעלכע וועגן.

אויף אַזעלכע רעיונות בין איך געקומען ווען איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען זיך צו באַקענען, זייענדיק אין ליווערפּול, מיט אַ דאָרטיקן יידן, וועלכער שטאַמט פון דער אוקראַינע. דערזעלבער ייד האָט זיך באַזעצט אין ליווערפּול פאַר יענער וועלט־מלחמה, האָט קיין ע״ה זיך דעראָביעט. אינם ענגלישן יידיש הייסט עס: געמאַכט אַ גוט לעבן און געגעבן די קינדער אַן ענגלישע דערציאונג — אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך אין ענגלאַנד. זייענדיק אָבער אַ ייד מיט אַ הייס יידיש האַרץ, האָט ער, אפילו אין ליווערפּול געפינען אַ ספּעציעלן מלמד פאַר זיינע קינדער, וועלכער האָט מיט זיינע קינדער געלערנט אין יידיש. איינער פון זיינע זין, וועלכער האָט געקעמפט אין דער בריטישער באַפרייאונגס־אַרמיי,—ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין דער אינוואַזיע — האָט זיך געפונען צווישן די שטירמער און באַפרייער פון דעם בערגען־בעלזען קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט אויך, דרך אגב, גענומען אַ שטיקל נקמה דאָרט פאַר אונזער פאַרגאָסן בלוט.

און אָט וואָס דער פאָטער האָט מיר דערציילט, וואָס דער זון האָט אים געשריבן פון דער סצענע, ווען ער האָט דערזען זיינע אָקאָרשט באַפרייטע פאַרפּייניקטע ברידער. אָט איז דער טעקסט פון דעם בריוו, וועלכן איך גיב איבער פון זכרון:

ליבער טאַטע! די קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן דאָס גרויסע גליק, וואָס איך וועל עס אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. דערזעענדיק מיינע אָרעמע, פאַרפּייניקטע ברודער, יידן! די פרייד וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייערע פּנימער, ווען איך, אַ בריטישער סאָלדאַט, האָב צו זיי גערעדט אין יידיש; זיי האָבן געוויינט פאַר פרייד. ווי דאַנקבאַר בין איך דיר טאַטע, וואָס דו האָסט מיך געלערנט רעדן יידיש — אויב נאָר בלויז פאַר דעם איינציקן מאָמענט פון מיין לעבן — און ווי מוז איך מיך פאַר דיר ענטשולדיקן, וואָס איך האָב נישט געוואָלט לערנען זיך. מיינע צוויי חברים (זייערע נעמען) האָבן געהאַט גרויס חולשת הדעת וואָס זיי האָבן זיך נישט געקענט אַדורכרעדן מיט זייערע אייגענע ברידער.

איך וויל נאָך צוגעבן, אַז איינער פון אָט די פאַרפּייניקטע ברידער פון בערגען־בעלזן, מיט וועמען דער יידישער סאָלדאַט פון ליווערפּול האָט זיך אַדורכגערעדט און געברענגט יידישע טרייסט־ווערטער איז מיינס אַ שוואָגער דאָרט, וועגן וועמען איך בין געפאָרן קיין ליווערפּול אָנגעמען אַ גרוס.

קען זיין אַ בעסערע אילוסטראַציע פון דער טראַגיק פון דער יידישער ערציאונג אין ענגלאַנד — אַ „יידישע” ערציאונג אָן יידיש! — ווי דער פאַל פון די צוויי יידישע יונגעלייט, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרשעמטע פּנים אל פּנים זייערע מזרח־ברידער, וועמען זיי האָבן אפילו נישט געקענט צומורמלען אַ פּאָר טרייסט־ווערטער אין יידיש? וואָלטן זיי כאָטש געקענט העברעאיש?

אָבער, ליידער, עקזיסטירט דאָך העברעאיש בלויז אַלס אַ וואָרט אַזוינס, זיך צו פּטרן פון נישט לערנען יידיש.

דאָס איז דער אָן רחמנותדיקער סוף פון אַ פאָלק וועלכעס וויל דווקא יע־נעם אָפּנאַרן און צום סוף נאַרט עס זיך אַליין.

אסקאר קאקאשקא

## אין טאל פון טויט

(„אין טאָל פון טויט“; צייכנונגען פון לאה גרונדיג; תל־אביב, 1944).

ארור עוצם עיניו מראות! ארור אוטם אזניו משמוע! ארור טומן ידיו מלהושיע!

פון ארץ ישראל קומט צו אונז אַ בוך מיט צייכנונגען, וואָס זיינען ענט־שטאַנען אונטער דעם איינדרוק פון די יידן־רדיפות אין דייטשלאַנד, אַרויס־שרייענדיק אין דער וועלט אַריין, ווי עס האָט געטון נאָר די עקספּרעסיאָניס־טישע קונסט אין דייטשלאַנד, איידער מ׳האָט זי געלעגט אין חרם. דאָס דאָזיקע ווערק ווענדט זיך צו אַ יעדן וואָס האָט אויגן צו זען, אַז ער זאָל העלפן וואו ס׳איז נאָך צו העלפן.

די דאָזיקע קינסטלערין, לאה גרונדיג, אַרבעט ניט פאַר פּרימיטיווע קריגס פּראָפּאַגאַנדע. זי שטעלט די קינסטלערישע אויסדרוקס מיטל אין דעם דינסט פאַר ריינער מענטשלעכקייט. אין די דאָזיקע בלעטער וואָס דערמאָנען אין די גוואַלטיקייט פון אַ בעקמאַן און אַ קעטע קאָלוויץ אין זייער טראַגיק, און אין זייער פאָלקסטימלעכקייט אינם ליבן בערלינער, ציללע פּרעסן זיך צונויף שאָטן און ליכט צו געשטאַלטן, וואָס מוזן בלייבן אומפאַרגעסלעך פאַר יעדן, פאַר וועלכן דער קאַמף פאַר די באַפרייאונג פון אונטערדריקונג, דער קאַמף קעגן פאַשיזם, איז נישט בלויז אַ וואָרט־אני מאמין.

דאָס דאָזיקע ווערק איז איינדייטיק און נויטיקט זיך נישט אין קיין פּירוש. דאָ רעדט דאָס יידישע האַרץ גופא צו דער מענטשהייט! דאָס האַרץ פון די מזרח־יידן, פון גאָטס טענצער און שריפטקענער, וואָס ווייסן וואָס מדת הדין און וואָס געוואַלט איז, וואָס פאַרבייטן ניט רעכט מיט געזעצן, וואָס זיינען פאַרענדערלעך, און קאָנען אויסגעלייגט ווערן אַזוי ווי ס׳געפעלט די מעכטיקע.

אַז איך רעד פונם יידישן האַרצן, מיין איך נישט, אַז סע קלאַפּט אין יעדן וואָס האָט זיך אַסימילירט מיט דעם מערב—וועלכער האָט זיך פאַר־דונגען צו די מאַטעריאַליסטישע ציוויליזאַציע—כאָטש ער רופט זיך ייד.

ס׳איז געווען אַ יידיש פאָלק, דאָס איז געוואָרן פון די נאַצים אויסגעראָטעט.

איך רייד פון פאָלק נישט אין דעם זין פון אַ ראַסישער באַגרעניצטקייט, ווי זי ווערט פאַרטראָטן פון די פאַנאַטישע תלמידים פון אַ פאַלשער תורה, וואָס קומט צום אויסדרוק היינט וואָס אַ טאָג אַלץ מערער אין אַלע לענדער. דאָס פאָלק פון די מזרח־יידן האָט זיך נישט גענויטיקט אין אַזעלכענע באַ־גריפן, וואָס זיינען דערפינדן געוואָרן פון די פאַלשע אַפּאָסטל, פון אַ גראַפן

(דער טשעכישער מאָלער קאָקאָשקאָ איז אַ באַרימטער אייראָפּעישער עקספּרעסיאָניסט).



גאָבינוי, און אויסטין טשעמבערליין, און פון דער נאַצי־פּאָליטיק אויף אַ ברוטאַלן אופן דערפירט אַד־אַבסורדום. די מזרח־יידן האָבן דאָך אַן אמתע פאָלקס־קולטור פאַרמאָגט, אַזוי אַלט, אַז זי האָט נאָך געהאַט אויפצואווייזן סימנים פון מאַטריאַרכאַט. אין איר פאָלקס־פּאָעזיע איז אָקסידענט און אָריענט אַ לעבעדיקע איינהייט געווען, ווי נאָר אַ גאָטפריד הערדער האָט זי געקאָנט זען.

דאָס מזרח יידישע טעאַטער האָט צוטיפסט באַאיינפלוסט די אייראָפּע־אישע שוישפּילקונסט, די אַמעריקאַנישע בינע. יאָ, אפילו נאָך די פאָלקאָמ־ניי ענטשטאַנענע פאָלקסבינע אין סאָוויעט רוסלאַנד. דער פאָלקס־קאָלעקטיוו פון די מזרח יידן האָט זיין ביטערקייט און זיסקייט מוסר געווען צו דער מוזיק פון די מאָדערנע. אויב די חסידים זיינען געבליבן אַ קולטור פאָלק אין אמתן זין ביז צום סוף, איז די סיבה דערין צו זוכן ניט אינם ראַסישן שורש, נאָר דערין וואָס זיי זיינען במשך פון עטלעכע טויזנט יאָר נישט אָפּטריניק געוואָרן צו זייערע פאָלקסשולן. עס זיינען די מערב יידן וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך שעמען מיט זייערע חדרים, ווייל זיי האָבן זיך אַסימילירט צו די מערב־פעלקער. און האָבן מיט די נייע שולן אָנגענומען די האַרצלאָזיקייט פון דער מעכאַניס־טישער ציוויליזאַציע. מיט יידיש האָבן די מזרח־יידן במשך פון הונדערטער יאָרן טריי אָפּגעהיטן די שפּראַך פון די מיסטיקער פון אַ פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער זיי האָבן צוזאַמען געלעבט מיט די לויכטנדיקסטע גייסטער פון יענעם דייטשטום פון עבר, פון די מיסטיקער זוזאָ, טאַולער, עקקערהאַרדט, וואָס האָבן אין אַ אוניווערסאַלן אַספּעקט דאָס געטלעכע אינם מענטשן געזען. וואָס איז הומאַניזם דען אַנדערעס?

* * *

פאַרוואָס האָט דער מערב די אויגען פאַרמאַכט און נישט צו רירן זיך צוגעקוקט זיך צו דעם גרויל? פאַרוואָס האָט מען די אויערן צוגעהאַלטן, און דאָס שרייען נאָך הילף איבערהערט? פאַרוואָס האָט דאָס טויטן־שיף געמוזט שייטערן, נאָך אַ לאַנגן, אומזיסטיגן זוכן נאָך אַ גאַסטפריינטלעכן האַפן? פאַרוואָס האָט מען די ווייסביכער ערשט פאַרעפנטליכט ווען דער מערב איז געגאַנגען אין דער מלחמה אַריין? פאַרוואָס האָט מען מיט אַקסלצוקן געליינט די טעגלעכע זעלבסטמאָרד־סטאַטיסטיק? און דאַן דער שמאַכפּולער שאַכער מיט נפשות! טייל דעמאָקראַטישע לענדער האָבן פאַרלאַנגט געלט־גאַראַנטיעס פאַר זייער גאַסטפריינטשאַפט, אומדערגרייכבאַר הויך פאַר די מייסטע פון די אומגליקלעכע. נאָך ערשט נישט לאַנג האָבן פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע לייטאַרטיקלער שפּאָטיש צוריקגעוויזן דאָס אָנגעבאָט פון דער נאַצי־רעגירונג, צ.ב. אָפּצוטרעטן פאַר אַ קאָפּ־אָפּצאָל די נאָך רומעניע און אונגאַרן אַנטלאָפענע יידן. דער אָפּזאָג איז געווען אַ ספּעקולאַציע אויף אונזער סענטימענטאַליטעט: יאָ, זאָלן זיי נאָר, די נאַצים, פאַרמערן זייער מאָראַלישע שולד ביז אין דאָס אומענדלעכע, דאָס זיכערער וועט דאָס דייטשע פאָלק מוזן באַצאָלן דערפאַר.

* * *

פאַרוואָס האָט די הויכע פּליטים־קאָמיסיע אין אַמעריקע יאָרנלאַנג גע־

מענטש אַנפירן איר פאַרשלעפונגס-פּאָליטיק? איז נישט פאַרהאַן געווען נענוג פּלאַץ פון יענע וועלטטיילן, וואָס זיינען באַוואוינט מיט דעמאָקראַטישע פעלקער, צו געבן אַ מעגלעכקייט צו דריי מיליאָנען צום טויט פאַרמשפּטע?

אין מערב האָט מען זיך נישט אויפגערעגט! איז דען נישט פון שטענדיק אָן שוין, אינם צאַרן־רוסלאַנד דער פּאָגראָם אויף יידן דער באַליבטסטער אויסוועג געווען ווען ס'איז נויטיק געווען אָפּצולענקען דעם כעס פונם אויסגעמוטשעטן רוסישן פאָלק פון די טיראַנען? אָפּצולענקען אים אויף אַ מינדערהייט, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער מאַסע, דורך פרעמדע מנהגים און דינים, דורך אַ פרעמדער קולטור?

די רוסיש־פּוילישע יידן האָבן אין זייערע געטאָס דעם טעראָר אדורכגעלעבט. און אויב זיינען זיי אויך אַראָפּגעקומען צו אַ נידריגן מצב, דורך די איזאָלירטקייט, פּחד, אָרעמקייט, שמוץ און קראַנקייט—קיינמאָל אָבער האָבן זיי עס נישט דערפירט צו דער פאַרקריפּלונג פונם מענטשלעכן צלם־אלקים, ווי מ'טרעפט עס נאָר צו אָפט אָן אין די סלאָמס פונם מערב. נאָך האָבן זיי געהאַט זייערע חדרים און ישיבות, נאָך האָבן זיי געהאַט זייער פאָלקסקולטור, נאָך האָבן זיי די דאָזיקע קולטור נישט געהאַט פאַרביטן מיט די בענטשונגען פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע, אַ דאַנק וועלכער אונזער הארץ איז צו שטיין געוואָרן.

די מעכאַנישע געוואַלט באַגרונטפעסטיקט דאָס רעכט פונם שטאַרקערן. דאָס מאַכט דעם גאַנצן חילוק צווישן הערן־מענטשן און אונטערמענטשן, ווייסע און פאַרביקע, האַר און פּראָלעטאַריער. די נאַצי פילאָזאָפיע האָט דעם פאַרציכט אויף הומאַניטעט בלויז דערהויבן צום דאָגמאַ. אינם ערשטן וועלטקריג האָט דער דייטשער גענעראַלשטאַב צום ערשטן מאָל זיין אויג געווענדט אויף יענעם קליינעם פאָלק פון די מזרח־יידן. באַרימט געוואָרן איז לודענדאָרפס בריוו, „צו זיינע געליבטע יידן" אין יידיש. דאַמאָלט האָט מען זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט זייער הילף אינם קאַמף קעגן רוסלאַנד. די כיטרע פּאָליטיקער פון דאַמאָלט האָבן געעפנט דייטשלאַנדס טוירן פאַר די פּליטים, וועמענס געטאָס זיינען געוואָרן קריגס־געביט. אָבער ווען דער קריג איז געווען פאַרלוירן פאַר דעם דייטשן גענעראַלשטאַב, האָבן די מזרח-יידן נישט געהאַט קיין לאַנד, וואָס האָט זיי געוואָלט אויפנעמען. אימיגראַציע־באַשרענקונגען איבעראַל.

אינם ענג באַפעלקערטן דייטשלאַנד דאַמאָלט, איז די נויט און אַרבעטסלאָזיקייט געוואָרן גרעסער ווי אומעטום, גרעסער אפילו ווי אינם אַמעריקע פונם וואָל־סטריט קראַך. אין אַמעריקע האָט דער „ניו־דיל" צוגעזאָגט הילף. אין דייטשלאַנד אָבער האָט מען עס איבערגעלאָזט אינגאַנצן צו די דעמאַגאָגן און פאָלקס־אויפהעצער צו זוכן אַן אויסוועג. אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און רואין איז אַלץ מער און מער נישט געוואָרן אָנגעזען אַלס רעזולטאַט פון אַ פאַראַנטוואָרטונגסלאָז אָנגעפאַנגענעם און פאַרלוירענעם קריג. אַ צו אַלעם גרייטע פּאַרטיי פון אַוואַנטוריסטן, די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, האָט עס זיך גענומען צו זייער שליחות, אַ מכלומרשט „יידישן" וועלט־קאַפּיטאַליזם פאַר־



אַנטוואָרטלעך צו מאַכן פאַר דייטשלאַנדס מפּלה, און אַזוי אַרום צו געווינען די אַפּאַטישע מאַסן פאַר אַ פּאָליטיק פון געוואַלט, פאַר אַ נייעם נקמה־וועלט־קריג. און ווידער אַמאָל האָט זיך די פּאָליטיק מיט די מזרח־יידן באַדינט, עס האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט, אָנצואווייזן אויף די מחנות פּליטים, וואָס האָבן זיך באַמערקט געמאַכט דורך זייערע דינים, מנהגים און קליידער.

מיט קינסטלעך אינסצענירטע יידן־רדיפות האָבן די נאַציס אין דייטשלאַנד אָנגעפאַנגען. די קליינע לייט דאָרט זיינען נאָך נישט געווען אינגאַנצן מוכן ומזומן. דאָ האָט די אינטערנע נאַצי־פּאָליטיק מיט כיטרע באַרעכנטקייט אַרויסגעלאָזן דאָס שלאָגוואָרט פונם „יידישן" וועלט קאַפּיטאַליזם. אין אָנהויב האָט מען זיך באַנוצט מיט לאָזונגען פון אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליזם האָט עס, אַזוי צו זאָגן, דייטשלאַנד דאָס מעסער אין דעם רוקן אַריינגעשטאָכן.

אַנדערש ווידער איז געווען די פאַר דעם אויסלאַנד באַשטימטע לאָזונג. די מאַרקס-ענגעלשע טעאָריע איז אַ וויסנשאַפטלעכער פּירוש צו ,דער הומאַניסטישער לערע, וואָס האָט אינם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד פאַרהאָלפן צום זיג איבער די טיראַנען. מ'האָט דעריבער אָנגעפאַנגען אין מערב מורא צו האָבן פאַרן מאַרקסיזם מער ווי פאַר אַלעם אין דער וועלט. אַזאַ תורה, וואָס ברייננגט אין געפאַר צו מאַכן גלייך די מענטשן, רייכע און אָרעמע, ווייסע און פאַרביקע, האַר און אַרבעטער. צי קאָן נישט אַמאָל אַזאַ תורה זיך אויך אויף מסוכנדיקן אופן פאַרשפּרייטן אין מערב? דאָרט וואו מ'האָט ביז איצט זיך באַנוגנט מיט דער ליבעראַליסטישער דעמאָקראַטיע? און אַזוי אַרום איז עס געווען לייכט פאַר דער נאַצי־פּאָליטיק אין אויסלאַנד, מיט דעם שלאָגוואָרט פונם „יידישן מאַרקסיזם" דאַמאָלט צו פּאַראַליזירן די רעגירונגען פון די מערב דעמאָקראַטיעס. און שוין האָט מען געקאָנט אומגעשטערט די יידן אין דייטשלאַנד ענטאייגנען, צום אויסוואַנדערן צווינגען אָדער הרגענען. אָבער אויך האָט מען געקאָנט אומגעשטערט זיך באַוואָפנען צום איבערפאַל אויף אייראָפּע.

פאַר דעם קרייצצוג קעגן דער סאָוויעט־אוניאָן האָט מען אומעטום באַקומען אונטערשטיצונג: דאָרט וואו געלט איז פאַראַן געווען לרוב, וואו די וואָפן־אינדוסטרי איז געווען אומבאַשעפטיקט, וואו רוי מאַטעריאַלן זיינען פאַרהאַן געווען. און אַזוי האָט עס געקאָנט געשען, אַז אַ צווייטער וועלט קריג אין משך פון 20 יאָר, האָט כמעט גאַנץ אייראָפּע, אַזיע און דעם פּאַציפיק, נאָרד אַפריקע, פאַרוויסט; די שטעט אין 30 לענדער צו אַ באַרג אַש געמאַכט, און מענטשנמאַסן לעבעדיקערהייט דערין פאַרברענט.

דער קריג איז נאָך נישט געענדיקט, און אויב יאָ, דאַן בלויז אין מיליטערישן זין. אין דעם קריג ווערט נישט אַליין בלויז דאָס פאָלק פון די מזרח-יידן אויסגעראָט, דאָס יידישע הארץ האָט בחינם צו דער מענטשהייט נערעדט. דאָס יידישע הארץ קלאַפּט נישט מער.

ווער וועט איצט ריידן פאַר דער מענטשלעכקייט?

י. א. ליסקי

# די יידישע שרייבער און די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור

1

דער פאַקט אַז ביי אונז איז איצט נישטאָ, און נישט נאָר בלויז אין לאָנדאָן, קיין אמת קאָנסטרוקטיווער סטיל און קיין שום שאַפערישע פאָרעם און ניוואָ אין אונזער יידישער קולטור ארבעט און אין דעם יידישן קולטור לעבן, מוז צוריקגעפירט ווערן צו צוויי סיבות: ערשטנס, די קוואַליטעט פון די ביכער, וואָס דערשיינען ביי אונז, און צווייטנס, די מאַטעריעלע לאַגע אין וועלכער די שרייבער געפינען זיך. ווייל וואָס איז נאָך אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם קולטור לעבן פון אַ פאָלק, ווי זיין קונסט און ליטעראַטור, און וואָס נאָך באַווירקט אַזוי דירעקט די עטיק און עסטעטיק פון אַ פאָלק, ווי דאָס לעבן פון זיינע שרייבער; און דער איינפלוס וואָס שטראַמט ארויס אַ חוץ פון די קינסטלערישע ווערק, אויך פון די שרייבער און קינסטלער אַלס לעבעדיקע און ווירקענדיקע פערזענלעכקייטן.

די קוואַליטעט פון אַ שאַפונג איז נאַטירלעך פאַר אַלעמען פאַרבונדן מיט דעם טאַלאַנט פון דעם שרייבער, אָבער בלויז דער פּראָפאַן מיינט, אַז טאַלאַנט איז עפּעס אַ מין אויסטערלישע בריאה מיט הערנער, וואָס זיצט דאָרט אינעוויניק און ווייזט מופתים, און ער ווייסט נישט, אַז טאַלאַנט איז גייסטיקע ארבעט און אָנשטרענגונג, אַז טאַלאַנט איז זעלבסט־טרענירונג און זעלבסט־קאָנטראָל, אַז טאַלאַנט איז די שטרענגסטע זעלבסט־דיסציפּלין און די העלדישסטע פאָרעם פון זעלבסט־באַהערשונג און אָפּפערוויליקייט אויף דעם אַנטשפּרעכנדיקן געביט פון שאַפן.

ביי אונז, פאָלקסטימלעך זיך אויסגעדרוקט, איז די פּראָדוקציע פון ביכער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין מאַס־פּראָדוקציע אָן אַ מאַסן נאָכפראַגע. קונסט ווערט געמאַכט אויף שנעל. „מ'שוויצט“, אָבער נישט כדי צו מאַכן דאָס קונסט ווערק וואָס מער פאָלקאָמען, נישט כדי זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם שוין פאַרהאַנענעם, ווי יעדער עכטער קינסטלער מוז דאָס טאָן, נאָר כדי צו מאַכן וואָס מער, וואָס שנעלער און וואָס טאַנדייטנער. מ'מאַכט קוואַנטיטעט אויפן חשבון פון קוואַליטעט. ס'פעלט דער טיפער יראת הכבוד צו דער אייגענער שאַפונג, דער יראת הכבוד אָן וועלכן ס'איז נישטאָ קיין עכטע קונסט, קיין שום אינטואיציע. און דער שרייבער מוז צוליב זיין שאַפן, אָט דעם יראת הכבוד האָבן, פונקט ווי דער דראָטן גייער מוז האָבן זיין באַלאַנס. און ווי דער באַלאַנס ביים דראָטן גייער, שטייט דער יראת הכבוד ביים שרייבער אויף דער גרענעץ צווישן דער דערגרייכונג וואָס מאַכט אונז אויפציטערן און צווישן דער קאַטאַסטראָפע פון פאַלן...

כדי די דערגרייכונג פונם מענטשלעכן זשעני זאָל אונז מאַכן ענטוזיאַסטיש אויפציטערן, כדי די דערגרייכונג פון מענטשלעכן זשעני זאָל אונז גייסטיק דערהייבן און אָנרעגן, מוז אויך דער מענטשלעכער זשעני אין דעם שרייבער און קינסטלער אַמאָל אין דער שטיל אינערלעך טיף אַ ציטער טאָן



פאַר זיין גרויסער, מענטשלעכער אויפגאַבע, פאַר זיין געוואַלטיקער סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פליכט.

כאַראַקטעריסטיש איז גראַד דאָ דער ביישפּיל מיט די צוויי יונגע כירורגן, אויף וועלכע מ'האָט געלייגט אַ סך האָפנונגען און וועלכע זיינען געקומען פאַר דעם גרויסן מייסטער ער זאָל זיי געבן די העכסטע הסכמה. איינער פון זיי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געציטערט, און דער צווייטער, האָט זיך ארומגעדרייט מיט אַ לייכט געמיט און זעלבסט־צופרידן, באַגלייך ווי ער וואָלט אַלעס געהאַט פאַרטיק אין קעשענע. דער מייסטער, וועלכער האָט די צוויי יונגע לייט גוט געקענט, האָט גלייך אָנגעהויבן מיטן ערשטן און לויט אַ פּאָר קאַרדינאַלע פראַגן באַשלאָסן, אַז אָט דער יונגער כירורג איז ווערט סמיכות. מיט דעם צווייטן האָט ער לאַנג געדרייט, געקוועטשט מיט די אַקסלען, זיך איראָניש געוויצלט איבער אים און אים לאַנג געפּלאָנטערט אין די פאַרצווייגטע וועגן פון די הלכות כירורגיע, ביז דער צווייטער האָט אויך אָנגעהויבן צו ציטערן, דעמאָלט האָט דער מייסטער צו אים געזאָגט:— . . . איך ווייס אַז דו קענסט אַ סך, איך ווייס, אַז דו ביסט פעאיק, אָבער מ'דאַרף נאָך מער קענען, מ'דאַרף אומענדלעך פיל קענען, און אַ חוץ דעם, דאַרף מען אויך פריער אינערלעך אַ ציטער טאָן, כדי מ'זאָל שפּעטער קענען פעסט און זיכער האַלטן דאָס מעסער אין דער האַנט...

אָט דער טיפער אינערלעכער ציטער פאַר דער גרויסקייט פון דער אויפגאַבע פאַר וועלכער מ'שטייט, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין מורא און אומזיכערקייט, ס'האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין הכנעהדיקן דרייען זיך און קאָרטשען זיך פון אַ וואָרעם, ווי דאָס מאַכן אָפט לײדער אַ סך פון אונזערע שרייבער. נאָר פאַרקערט, דער וואָס האָט אַמאָל אַ אמתן ציטער געטאָן פאַר דער גרויסקייט פון דער זאַך פאַר וועלכער ער שטייט, מוז ווערן שטאָלץ און זיכער אויף איר, פעסט און זיכער ווען ער נעמט דאָס כירורגישע מעסער אין דער האַנט אריין, ווען ער שטייט שוין טאַקע אויף דעם דינעם דראָט...

אין די ביכער וואָס דערשיינען ביי אונז פילט מען נישט (אַ חוץ מיט קליינע אויסנאַמען) דעם אינערלעכן ציטער פון דעם שרייבער.

כדי דאָס צו דערווייזן וואָלטן מיר זיך נאַטירלעך באַדאַרפט אריינלאָזן אין טיפע און ווייטע פאַכמענישע אַנאַליזן און עקספּערטיזן, וועלכע זיינען דאָ צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אוממעגלעך צו אַנטוויקלען, אָבער ווען דער לייענער וויל זיך נאָר אַ ביסל אריינטראַכטן, קען ער אפילו מיט דעם אומבאַוואָפנסטן אויג דאָס דערזען פון די שרייענדיקע פאַקטן, אַז די שרייבער האַלטן אין איין דרייען מיטן דישל אַהין און צוריק, און דאָס קען דאָך באַשטימט נישט אַזוי לייכט געמאַכט ווערן דעמאָלט ווען אין אַ שאַפונג איז דאָ האַרץ... ס'ווערן ביי אונז געשאַפן „ווערק“ לויט דעם אויבערפלעכלעכסטן זשאַרגאָן און שאַבלאָן פון טאָג, ווערק אין וועלכע ס'פעלט יעדע עטישע און עסטעטישע, יעדע מענטשלעכע און קינסטלערישע מאָטיווירונג פאַר די גראָבע איבערגאַנגען און אומגעלומפּערטע שפּרונגערייען פון איין אידייע צו דער צווייטער,

ווערק אין וועלכע ס'פעלט יעדע קינסטלערישע גאַנצקייט, יעדע איינהייטלעכע, האַרמאָנישע אַנטוויקלונג פון שרייבן. מ'קען דאָך אָבער גראַד נאָר בלויז פון אָט דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג, איינהייטלעכקייט און קינסטלערישער גאַנצקייט ארויספילן דעם קינסטלערס שאַפערישע פערזענלעכקייט, די קלאָרע גייסטיקע פיגור פון דעם שרייבער, זיין פרצוף, זיין מהות.

ס'איז קלאָר, אַז אַזעלכע שרייבער באַזיצן נישט קיין גרויסע אַכטונג צום לייענער און אַז אויב אַ שרייבער שטעלט זיך נישט די עלעמענטאַרסטע פאָדערונג און באַדינגונג קען ער נישט אויסאַרבעטן קיין שום פיינעם סטיל און פאָרעם. פיינער סטיל און פאָרעם אין דער קונסט איז אַ מין העכערע שטופע פון טאַקט, באַנעמען און העפלעכקייט אין דעם אופן פון בייברייינגען אַ געווויסן ענין צו מענטשן. אָט די פיינקייט פון זיך באַנעמען אין דער קונסט, פונקט ווי אין לעבן באַשטייט פאַר אַלעמען אין דעם וואָס מ'באַהאַנדלט דעם צווייטן, ווי אַ גלייכן, דערוואַקסענעם, פאַרשטענדיקן און פילנדיקן מענטשן, אַז מ'רעדט צו אים נישט ווי צו אַ קינד, ווי צו אַ נאַאיוון יאָלד, וועמען מ'קען נעמען אויף זיכער. דערפאַר אימפּאָנירן אַזוי דעם אמתן מבין שטענדיק יענע שטעלן אין אַ קונסט ווערק אין וועלכע אַ געדאַנק ווערט געבראַכט וואָס מער אינדירעקט, וואָס זייטיקער, וואָס מער בדרך אגב און פאַרבייגייענדיק, ווי מ'רעדט מיט מענטשן, וואָס ווייסן אין וואָס ס'האַנדלט זיך.

דער נאַקעטער רעאַליזם, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, איז די העפלעכסטע פאָרעם פון קינסטלערישן קאָמוניקירן אַ געדאַנק צי אַ געפיל צו אַ צווייטן, ווייל דאָס איז די פאָרעם אין וועלכער אַ דערוואַקסענער מענטש רעדט צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן. נאַטירלעך מוז דאָס בלייבן אַ קינסטלע־ריש מיטל דאָרט וואו ס'איז נויטיק, און מ'טאָר מיט דעם נאַקעטן רעאַליזם נישט מיסברויכן און ער טאָר נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ציל פאַר זיך אַליין. פאַרקערט, אין דעם בוימלדיקן, פאַרציקערטן און סענטימענטאַלן דרש שטעקט מער אונטערשאַצונג צום לייענער און דערפאַר טאַקע אויך מער אומ־העפלעכקייט און גראָבקייט, ד.ה., ערגערע פאָרעם און ווייניקער פון קינסט־לערישן סטיל.

מיט איין וואָרט, צוריק צוקומען צו אונזער ענין, ס'פעלט ביי אונזערע שרייבער אַכטונג צו זיך אַלס שרייבער, צו זייערע ביכער אַלס סאָציאַלע ווערטן, ווי עכטע קונסט שאַפונגען זיינען עס, ס'פעלט ביי זיי אַכטונג צו דעם לייענער, ווי צו דעם אַנטוויקלטן פאָלקס־עלעמענט און ס'פעלט ביי זיי אַכטונג צו   י י ד י ש   אַלס אַ שפּראַך און קולטור. און אָט די עכטע אינער־לעכע אַכטונג וואָס פעלט זיי קען נישט פאַרדעקט ווערן מיט קיין שום ערזאַץ מיטלען פון פלאַדיען גראַפאָמאַניע און עם־הארצות אויפן חשבון פון יידישער שפּראַך, קונסט און קולטור. זיי מעגן דערביי שרייען ביז אין טאָג אריין, אַז זיי קעמפן פאַר יידיש. די אמתע קעמפער זיינען אָבער בלויז יענע, וואָס שאַפן עכטע און גרויסע קונסט־ווערק אויף יידיש, ווייל, ווי מיר וועלן ווייטער זען, טראָגן אויף זיך די עכטע קונסט ווערק אַ גרויסע יידישע מיסיע...



די צווייטע סיבה, ווי מיר האָבן שוין ביים אָנהויב דערמאָנט, וואָס האָט דערברענגט צו אַזאַ צושטאַנד, אָט די צווייטע סיבה, וואָס באַווירקט זיכער אויך די ערשטע, איז די קלאָגעדיקע מאַטעריעלע לאַגע פון די שרייבער. אָט די לאַגע שאַפט אַ מין שפּלדיקייט אין דעם כאַראַקטער פון דעם שרייבער, אַ מין געפאַלנקייט, און פון דער אַנדערער זייט, אַ מין אומגעלומפּערטקייט אין זיין באַנעמען זיך. דער „טאַלאַנט" ווערט דערביי איבערגעפירט אויף דעם געביט פון זוכן אונטערשטיצער. און די ערגסטע שרייבער זיינען אויף דעם געביט די פעאיקסטע מאַכער. וואָס ווייניקער דער שרייבער ציטערט פאַר זיין גרויסער סאָציאַלער און מענטשלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר זיין גרויסער קינסטלערישער אויפגאַבע, אַלץ טיפער קען ער זיך דערנידעריקן, און דערפאַר אויך זיין מער „דערפאָלגרייך" אויף דעם געביט פון געפינען אונטערשטיצער און מנדבים (מעצענאַטן און פּאַטראָנען בלע"ז). אָבער אַז אָך און וויי איז צו זיין גאַנצן דערפאָלג, אַז דאָס געלט גייט ערשט אַוועק צום דרוקער.

מיר מיינען דערביי נישט, אַז אַ שרייבער קען איינצייטיק אי אַרבעטן, אָדער סוחרווען, אי שרייבן. שרייבערייַ איז אַ נענוג שווערע און פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט און דאָס קען נישט געמאַכט ווערן צווישן איין מאָלצייט און אַ צווייטן, אָבער אונזערע קאַרגע מנדבים, וואָס מאַכן נישט קיין חילוק צווישן דעם גוטן און שלעכטן, זיינען אַ שוואַכע לייזונג.

ס'איז קלאָר אַז אַזאַ מצב צווישן שרייבער קען מיט זיך נישט ברענגען קיין הויכן קולטור ניוואָ און קיין באַזונדער פיינעם סטיל אין דער קולטור אַרבעט און קען אויך נישט אויפהאַלטן דעם פּרעסטיזש, וואָס די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָבן זיך דערוואָרבן. דערפאַר האָט אפשר די שוידערלעכע מלחמה און דער גרויזאַמער פאַשיזם אונז געטראָפן גייסטיק פונקט אַזוי אומבאַוואָפנט און אומבאַשיצט, ווי מיר זיינען דאָס געווען פיזיש...

2

די ליטעראַטורן פון דער גאַנצער וועלט האָבן אין זייער בלי־צייט, באַ־זונדערס דעמאָלט ווען ס'ווערט געשאַפן זייער קלאַסיק, אַ באַשטימטע מיסיע. נישט אַלע פאָרשטייער פון דער אָדער יענער ליטעראַטור זיינען איינשטימיק אין וואָס דער מהות פון אָט דער מיסיע באַשטייט. זער אָפט איז די מיינונג פון איין שרייבער אין פולן קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון אַ צווייטן שרייבער פון דעם זעלבן פאָלק; די מיינונג פון אַ טאָלסטאָי איז געווען ראַדיקאַל קעגנ־געזעצט צו דער מיינונג פון אַ טשעכאָוו, אין וואָס אייגנטלעך ס'באַשטייט די מיסיע פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון דעם רוסישן פאָלק. אָבער זיי בײדע, פונקט ווי אַלע בעסטע רוסישע שרייבער, פונקט ווי אַלע שרייבער מיט אַ פאַרנעם, האָבן געהאַלטן אַז דאָס   ר ו ס י ש ע   פ אָ ל ק   א ו ן   ד י   ר ו ס י ש ע   ל י ט ע ר אַ ט ו ר   האָבן אַ גרויסע מיסיע פאַר זיך, אַז די ליטעראַטור איז נישט קיין צוועק פאַר זיך אַליין, נאָר, אַז זי איז אַ וויכטיק מיטל פאַר אַ העכערן   צ ו ו ע ק,   אַ צוועק וואָס דאַרף דורך דעם רוסישן

פאלק געבראכט ווערן צו דער גאנצער מענטשהייט. און כאטש זיי האבן זיך אפשר קוים פארגעשטעלט די ממשותדיקע פארם וועלכע אט די מיסיע האט אנגענומען, האט אבער דאס רוסישע פאלק איר מיסיע דורכגעפירט.

אין אט דעם שטרעבן צו הויכע נאציאנאלע און אלמענטשלעכע אידעאלן פארפיינערט די ליטעראטור אירע קינסטלערישע מיטלען, אירע פארמען, דעם סטיל, די ארכיטעקטאניק, זי שארפט אויס די שפראך, האמערט אויס די בילדער און ברייננגט ארויס נייע טענער און קאלירן. אזוי ארום דערהויבט זי דעם סטאנדארט, דעם ניוואָ פון אירע קינסטלערישע שאפונגען, זי ווערט די ווארט־זאגערן אין דער אנטוויקלונג פון דער קינסטלערישער טעכניק אין די וועלט ליטעראטורן, און זי ווערט איינציייטיק אויך דאס קול פון דעם סאציאלן געוויסן פון דער מענטשהייט.

פארקערט, א ליטעראטור וואס ווערט א צ ו ו ע ק פאר זיך אליין, א ליטעראטור אין וועלכער די טעמע איז קונסט, דער „צוועק" איז קונסט, די אידייאלאגיע און די פראזעאלאגיע איז קונסט, פון אזא ליטעראטור הויבט אן אויסצורינען דער לעבעדיקער מאטיוו פון קאמף און אנשטרענגונג, פון פארדרוס, פון ווייטאג, פון אויפריכטיקער טיפער ליבע און פון שפרודלדיקער פרייד. די קינסטלערישע מיטלען ווערן ארעם, אויסגעהוילט, באנאל און זיסלעך פארשונדעוועט. קונסט און ליטעראטור ווערן אפגעזונדערט פון לעבן, פון אנטוויקלונג און פון פראגרעס. דער ערשטער און גרעסטער קרבן איז דעמאלט די לעבעדיקע שפראך, ווייל זי הערט זיך אויף צו אנטוויקלען, ווי דאס איז געשען מיט לאטיין, מיט אלט גריכיש און טאקע מיט אונזער לשון קודש...

די יידישע ליטעראטור, וועלכע איז געשאפן פון יידן אויף יידיש, און איז דער אויסדרוק פון דעם גרויסן ליידנדיקן און קעמפנדיקן יידישן פאלק, טראגט אויף זיך א גרויסע מיסיע. דערפאר האלט איך, אז דאס פעסשטיען דאס יידישע ווארט, דאס האלטן אין איין ארומהאלדזן דאס יידישע ווארט אזוי לאנג ביז מ'צעדריקט עס און דערווארגט עס אזש פאר לויטער ליבע, איז א נעגאטיווע דערשיינונג. כאראקטעריסטיש פאר אט דעם צושטאנד איז די פראזע וואס ווערט אפט באנוצט ביי אונז, „זאל זיין שונד אבי א יידיש ווארט", איז א באמת דעפיטיסטיש שלאג-ווערטל. איך וויל דערמיט נישט באהויפטן אז מיר קענען אינגאנצן אויסראייניקן דעם שונד, יעדע ליטעראטור איז פול מיט אט דעם ווילד־וואוקס, אבער גראד אין דעם אומאויפהערלעכן קאמף קעגן דעם שונד און אין דער שטרעבונג צו דערהויבן זיך איבער אים, אים צו באזייטיקן, שטעקט דער סימן פון לעבן, פון דעם לעבן פון א שפראך און פון א ליטעראטור. און נישט אין דעם כאוועז די פאראזיטן (שונד איז א פאראזיט) וואס זאלן אונז אליין אויפפרעסן. די ציוניסטן, די העברייאיסטן, האבן פארשטאנען, אז אויב העברייאיש וויל ווערן א לעבעדיקע שאפערישע שפראך, מוז זי פאר אלעם ווערן אויס לשון קודש. ביי אונז אין דער יידישער שפראך האט זיך לעצטנס ליידער אריינגעריסן די פוילקייט, וואס שטרעבט צו קאנאניזירן יידיש און צו פארוואנדלען יידיש אין א מין נייעם לשון קודש.



מיר האבן אויף זיך א גרויסע מיסיע. יעדער עכטער יידישער שרייבער פילט דאס און ווייסט דאס און איז פול מיט אט דעם געדאנק און מיט אט דער גרויסער שווערער און פאראנטווארטלעכער אויפגאבע און דערהויבענע שטרעבונג.

דאס יידישע פאלק איז באוואוסט מיט זיין גייסטיקער וואגעניש, מיט דעם שוואונג פון דעם געדאנק, מיט זיין גייסטיק־רעוואלוציאנערן אפפרעגן און פארמעסטן זיך קעגן די אזוי־גערופענע סודות און יסודות פון דער וועלט; מיט זיין דעמאניש שאפערישן „ט א מ ע ר פ א ר ק ע ר ט" און פון דער אנדערער זייט מיט זיין אומענדלעכער צארטקייט, טיפן רחמנות און ליבע.

אט די זיילן פון דעם גייסטיקן מענטשלעכן לעבן און מענטשלעכער אנטוויקלונג, „דער ספעציפיש יידישער שוואונג פון געדאנק און טיפקייט פון געפיל", האבן אפגעקלינגען אויף דער גאנצער וועלט, אנגעהויבן פון רבי עקיבא ביז ברוך שפינאזא. אבער פונקט ווי דאס גאנצע יידישע פאלק איז געווען צעזייט און צעשפרייט, אזוי איז זיין גייסטיקע ווירקונג שטענדיק געווען צעזייט און צעשפרייט. זי איז געווען און מ'האט זי באשטימט געפילט, מ'האט זי אבער נישט קלאר, נישט אויסדריקלעך, נישט אלס קיין גאנצקייט געזען...

אט די מיסיע אונזערע צו וועקן דעם דרייסטן געדאנק און צו כאוועז דעם כח פון געפיל ביי דער מענטשהייט איז נאך נישט אויסגעפירט געווארן. די וועלט נויטיקט זיך נאך אין איר. איצט אפשר מער ווי שטענדיק, איצט איז שוין די וועלט אפשר רייף אט די מיסיע צו זען און זי צו דערקענען אין איר גאנצקייט. און אט די מיסיע קען, דארף און וועט געבראכט ווערן טאקע דורך דער יידישער שפראך, וועלכע פארייניקט די יידישע מאסן פון גאר דער וועלט אין זייער ממשות'דיקן קאמף און לעבן און דערפאר טאקע אין זייער שאפנדיקער און זיך אנטוויקלענדיקער שטרעבונג צו אל־מענטשלעכער גע־רעכטיקייט און ברידערלעכקייט.

דער באוואוסטזיין איבער דער פאראנטווארטלעכקייט פאר דער גרויסער מיסיע, וואס די יידישע ליטעראטור טראגט אויף זיך, מוז פירן דערצו אז מיר זאלן די יידישע שפראך נישט פארצערטלען ווי א קרענקלעך קינד, נאר זי פארהארטעווען כדי מיר זאלן קענען ארויפלייגן אונזערע הענט אויף אירע אקסלען און זי זאל אונז קענען דערטראגן און אויפהאלטן.

## המשך־אנטאלאגיע (1918־1943)

1

א טראפעלע פרייד אינם בלוטיקן ים פון ברויזנדיקן טרויער, ווי האט עס געטריפט אינם הארצן אריין טראפ נאך טראפ; ווי פון יענעם בלאט ביי דער בשורה־טויב אינם מויל האט עס טויאיק אראפגעטריפט פון יעטוועדן ליד: זע, פון מינסק, פון לובלין, פון ווילנע, פון ווארשע און פון יעדן מינדסטן שטעטל פון גאליציע, פון רומעניע, קומען זיי אן מיט פלאטערדיקע הערצער . . . און נישט נאר ברענגען זיי די בשורה פון א געלייטערטע און ליכטיק ווערנדיקע

וועלט, נאָר אָפּגעראַטעוועטע צוזאַמען מיט זיי גייען אַלע שוין אַרויס ניצול געוואָרענע און יעטוועדער צו זיין מין —

„נעגער ייִנגלעך
מיט די קרומע פּיסלעך,
הענגען זיך אויף פּלויטן
שפּרינגען פון די הויטן,
שוואַרצע אַפּלען וואַרפן פּיילנבויגנס“. (לוי גאָלדבערג).

יאָ, עס איז די הייליקע רעגנבויגן שבועה ווידער, אַז די וועלט זאָל נישט אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן!

באַלד דער ערשטער, פון די 50 ייִנגע ייִדיש־אַמעריקאַנישע דיכטער, לוי גאָלדבערג, איז נישט נאָר צעכראַסטעטער אומבאַהאָלפענער צער, בלויז נאַקעט מענטשלעך געפיל, צי אפילו געלונגענער מעטאַפאָר אַריינגעפלאָכטן אין נעץ־געשפּין פון וואָרט — עס איז פלוצלימדיקער פאַרבליף שוין, לעבעדיק געוואָרענער העראָגליף איינגעפאַנגען פון קרייזנדיקע לאַסאָס, געוואָרפענע אינם רוים; עס איז די בענקשאַפט, וואָס ווערט על־אַסטיש און שלאַנק אויסגעפאָרעמט אין פלייש און אינם בלוט. עס זיינען וויזיעס, וואָס שפּרינגען אָפּ ווי באַלעמס אינם מוסקל־שפּיל פון קונציג באַוועגלעכע מאָזאָליעס.

„אַרויס —
פון אַן אָפן פענצטער
אויף אַ לאַנגען האַלדז,
אַ ברויזנדיקער זקן־קאָפּ —
ווי אויף אַ וואַנט פון אַ ביליקן שענק
אַ טויטער הירשן קאָפּ — קוקט אַראָפּ
שווייגט און בענקט“. (לוי גאָלדבערג).

און ווי בענקען זיי אַלע, יעדער אויף זיין שטייגער. ווער אויף זיין לייכטזיניקן קנדיסישן־און ווער אויף זיין ווייאיק־פּאַרטיפטן אופן — יעטוועדער צו זיין מין! יעדער בלוט־קרייז גייט אויף מיט זיין אייגענער זון מיט נסימדיקן באַשאַף — „ייִדיש וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.

און יעדע ברכה איז בטעמט,
יעדע קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באַבעשאַפט.
אָ, געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקן מדבר“. (יעקב גלאַטשטיין).

יאָ אינם לאַנד וואו „אַ ייִדישער פּאָעט
האָט געפירט זיינע לידער אויף אַ שטריק
פערציק יאָר דורך אַ מדבר“ (אסתר שומיאַטשער).



בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן! פונם שטריק איז אַ לאַסאָ געוואָרן, דאָס ווילדסטע בילד שוין איינצופאַנגען, דאָס דיבאָם זיך שטעלנדיקע בילד שוין איינצוצאַמען.

פערציק יאָר האָט עס געמוזט דויערן, צוויי דורות פון יסורים האָבן ייִדישע פּאָעטן געמוזט אַדורכגיין אויף אַמעריקאַנישער ערד, אָפּגיין אין בלוטיקן חבלי־לידה פון סאָציאַלן־קאַמף און „אינזיך“־סגופים, אָז דער דריטער דור פון דער ייִדיש־שאַפנדיקער פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנישן באָדן זאָל קאָנען אַדורך, על־אַסטיש־שלאַנק און בויגעוודיק־באַוועגלעך, דורכן פּעטלע־שלייף ווי דורך אַ קונצנמאַכער רייף מיט טויזנט וואונדערלעכע קונצשטיקן.

„דרויבס און אויבס און שבת־אויבס
דורך פענצטער רייט אַ שטערן.
דער אָפּגעריסענער שבת קודש
וועט דאָ פערפאַלן ווערן“. (יעקב גלאַטשטיין).

נישט מער אַהין און אַהער געשליידערט „אויפן בוזעם פונם ים“, נישט מער „גולם“דיק פערחמט, אין הין־הער פּלעט אויף ניו־יאָרקער גאַסן געקלעטער ווי אויף אַ לייטער אין הימל אַריין. בעריש וויינשטיין איז שוין זיכער:

„אויף דיין ערד איז מיר באַשערט צו זינגען דאָס געזאַנג
פון דיין לאַנד“

און י. ל. קאָלושינער צעזינגט זיך האָפערדיק אינם גאָלדענעם לאַנד פון טויזנט נסים:

„איך האָב פאַר דיר ניו־יאָרק, מיין היים געביטן,
עס האָט מיך וואַרשע אויפגעהאָדעוועט פאַר דיר“;

און וועמען עס פאַרבענקט שוין גאָר שטאַרק אַהיים, ווערט ער שוין נישט אומעטיק און קראַנק פון היי־ווי,—ייִנגליש־לייכטזיניק, ווי איבער די גאָרטן־פלויטן אין שטעטל קלעטערט ער אויף די הויכע הימל־קראַצער־פּאַסאַדן און לאַכט שקאָציש אין פענצטער אַריין.

„אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ און בין נאָך אַלץ אַ גרינער,
אַ געפּאַקט „סאָבוויי“ נעם איך אָן פאַר אַ קורניק מיט הינער“.
(הענעך אַקערמאַן).

און איז עס אַ וואונדער? און האָט ער אַן אַנדערע ברירה? אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל בענקשאַפט ווי אַ פול היטל מיט עפל אָפּגעריסן פונם גלחס גאָרטן און יעצט

„צווישן ציניקער כ׳בין געוועזן אַזויפיל יאָר
און כ׳האָב אָנגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל ביטול“. (העניך אַקערמאַן).

און נישט נאָר אַמעריקע שטעלט ער אַרויס אַ גרויסע פייג:

„אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ און ווער וועט עס דען וויסן
אַז איך זע אַ קעלבל וויל איך עס באַגריסן“ (הענעך אַקערמאַן).

נאָר אפילו צוריק קומענדיק אין שטעטל „אַן אָפּגענאַרטער און אַ מידער“, וועט ער אַרויס „אויף דער גאַס מיט געמאַכטע גאווה“.

אבא שטאָלצבערג קאָן נישט, ווי הענעך אַקערמאַן, אָנשטעלן „געמאַכטער

גאוה״, אָבער אין זיין געוואַלטיקער בענקשאַפט צו זיין גאַליציש קליינעם שטעטעלע, שטעלט ער אָפּ די שטאָט ניו־יאָרק אינמיטן פון איר ברויזנדיקן גאַנג —

„שטעל זיך אָפּ און ריק צוריק דעם ווייזער,
און פערהאַלט זיך אויף פרייטיק אינדערפרי,
שוואַלבן האָבן אויפגעזוכט די נעסטן אויף די הייזער
דער בוזשיק האָט זיין היים דערקענט אין פלי״.

(אבא שטאָלצנבערג).

קאָן מען דען אויסדערציילן די אַלע קונצשטיקן, וואָס 50 יידישע דיכטער קאָנען ווייזן און די נסים וואָס קאָנען זיך באַווייזן, ווען זייערע הערצער ווערן אַרומגעכאַפּט פון נאָגנדיקער בענקעניש נאָך זייערע היימען, נאָך טאַטע מאַמע, נאָך שול־הויף, נאָכן לאָשיקל, וואָס שפּרינגט אַרום אויף דער גרינער פרילינג לאָנקע, נאָך אַ פאַרבלאָנקעטן הונט, וואָס שלעפּט זיך אַרום אָן אומעטיקער אין אַ פאַרבלאָטיקט הערבסט־געסל — —

און איז עס אַ וואונדער, אַז אינם לאַנד פון די גאָלדענע גליקן פילן זיך פאַרוואָגלט, נע־ונדניקעס, אָפּגעריסענע פון דער כאַליאַסטרע יינגע יידישע פּאָעטן, ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן און כטוב לבם שרייט עס זיך וואויל־יינגעריש אויס:

„אָטשאַרד סטריט,
כ׳וואָלט רופן דיך,
„גאָס מנחם מענדל״ —
דו האַלטסט אַ פּעני אין דער האַנט
און מיינסט עס איז אַ רענדל״. (א. מ. סול).

אָ, וויפיל זיכערער און האָפערדיקער סוגעסטיע עס ליגט אין דער ערשטער העלפט פון דער אָקאָרשט דערמאָנטער סטראָפע, אַזויפיל טראַגישע ענטוישונג ליגט אין איר צווייטער העלפט — — אָבער איז דען נישט האָפערדיקייט און ענטוישונג די צוויי זיכערע פיס אויף וועלכע מיר קומען אָן אין יעדן לאַנד און מיר שטייען אַזוי אומזיכער אויף זיי?

איז א. סול דער יינגסטער פון די יידיש־אַמעריקאַנישע פּאָעטן? וועט פון די אַלע „רבי יצחק אלחנן״־ישיבת נישט אַרויס קיין איינציק יידיש־שעפעריישער פּאָעט? עס וועט קוים סטאַיען פאַר פּראָפעסיאָנעלע רעוורענדס! וועלן עס זיין די דריי פּאָעטעסעס, — געבוירן און דערצויגן אין אַמעריקע, — די מאָדערנע שרה בת טובים אונזערע דאָרט?

„ביים שוועל פון מיין אומעט שטייט אַ פּאַלאַץ פון וואָלקנשטיין —
דאָרט קלינגען דיינע נשמה־געזאַנגען״. (ר. ז. ליליען).

אָדער וועלן זיי שוין פירן זייערע לידער ווי געציכטעטע שויס־הינטלעך, אויף זיידענע שנורן דורך די ציכטיקע גאַסן פון ניו־יאָרק?

„די תפילות פאַרלעשן זיך איינציקווייז שטיל
ביי די ראַמען פון מויל וואָס איז בלוי ווי פאַרצעליי״.

(כאַסיע קופּערמאַן).



ווער קאָן עס וויסן?!

אָבער, אַז אפילו נאָך די יינגסטע פון זיי לויפט נישט אַרום לייכטזיניק און לייכט מיט אַ נעץ אין האַנט זומער־פייגעלעך צו כאַפּן, נאָר דעם קרייזנדיקן לאַסאָ וואַרפט זי הויך אין רוים, דאָס ווילדעסטע בילד איינצוצוימען, דאָס איז זיכער.

„און איך לויף די וועלט צו כאַפּן
נייגיריק מיט פרייד צעשפּרייט —
ווי אַ פויגל איבער ימען,
אין איר אייגן ליד פאַרקליידט״. (כייקע איידלסמאַן).

II.

אפשר וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען. דער דריטער דור יידיש־אַמעריקאַנישע פּאָעטן וואָלטן מיט זייערע לאַסאָס איבער די ווייטע פּרעריען זיך צעפלויגן, פאַר זייערע פיילנבויגן אויגן וואָלט זיך זוניק צעשפּילט הימל־קראַצערס מיט טויזנט שויבן — — האָט עס נישט מ. ל. היילפּערין און י. י. שוואַרץ באַוויזן? האָט נישט זישע לאַנדאָ און לעיעלעס און אַ גאַנצע חברותא מיט זיי געטרעטן „אינזיך״ דעם פיילנבויגן, אַז די פיילן זאָלן אָפּשפּרינגען וואָס העכער און וואָס ווייטער?

אָבער אַנדערש איז באַשערט געווען! איז דאָך דער דריטער דור יידישע דיכטער אין אַמעריקע אַלץ נאָך אַן ערשטער! זיינען זיי דען נישט אַלע ווי יהואש און רייזין, ווי ראָלניק און רויזנבלאַט אָקאָרשט מיט דער גאָלדענער פּאַווע איבערן ים געקומען געפלויגן!?

און ווי אָנגעזאָפּט זיינען דאָס די גאָלדענע פעדערן אירע אַצינד מיט אונזער פריש פאַרגאָסענעם בלוט!! און

„וואוהין מען קוקט — אַ בלינדער שכן;
בלייבט מען אין דער פינסטער מיט גאָט אינאיינעם״.

(מינאָ באָרדאָ ריווקין).

און גאַנץ אַנדערש ווערן די לידער פון וויינשטיינען און אליעזר גרינבערגן, פון פיינבערגן און יאָסל קאָן פון מעניקע באַדאַנעס־קאַץ און אַלף ק״ץ. נישט נאָר דאָס בעל־שמסקע אייניקל טווערסקקי דערפילט דעם „מעדזשיבעזשער נוסח״, נאָר אפילו מלכה לי הויבט ווידער אָן „פונם שורש״.

„מיין יחוס־בריוו קייקלט זיך דורך דורות״. (מלכה לי).

און נישט נאָר פערזענלעכער, צי סאָציאַלער קאַמף פאַרלירט די אַקטואַליטעט, נאָר אפילו דאָס אינטימסטע נאַטור־געפיל:

„פון מיינע שלאַנקע גלידער ווינען קינדער נישט געבוירענע,
וואָס ווילן דורך מיין לייב ווייסע וועלט דערזען
און אויפבליען אונטער דער זון״. (פראַדל וועפּרינסקי).

ווערן אומוויכטיק, אין אַ צייט ווען

„האָסט אַלע גאַסן דאָך פערוואַנדלט אין גאָלגאָטאָ
אין אַלע גאַסן רינט מיין בלוט״.

וואָס זיינען דעמאָלט אַלע גאָט־מענטש־און־טייוול צערטלעכקייטן פון אידאָ גלאַזער, צילע דראַפּקין און דבורה טייטלבוים, דאָס אַלץ איז צו רעאַל פאַר דעם איבערנאַטירלעכן אומגליק, וואָס איז געקומען איבער אונז. אַלע דימענזיע־

שעפערישע מעגלעכקייטן קאָנען עס נישט דערפּאַסן.

און אַז זיי, אונזערע אַמעריקאַנישע ברידער פּאָעטן, וועלן מיט זייערע לאַסאָס איינפאַנגען צומאָל די אַפּאָקאַליפּטישע רייטער, הענגט דאָך נאָך אַלץ די געקניפּטע פּעטלע אויפן האַלדז פון זייער פאַרמענצעט פאָלק — — און וואָס איז שוין אפילו דאָס געוואַלטיקסטע יחזקאל־בילד, דאָס אַדלעריש באַפליגלטסטע, אַז זיי קאָנען נישט לעבעדיק מאַכן די „עצמות היבשות“, די קופּעס סקעלעטן און טריקענע ביינער אין בעלזען און אין טרעבלינקא — —

„נישט איצט, אַמעריקע, זינג איך פון דיין לאַנד,
מען האָט אָנגעצונדן מיין הייליקן זיידן,
איצט בענטשט ער — אין מיטן דער וועלט !
גאָט, אָן אים דאָרט—בין איך אויך דאָ נישטאָ“. (בעריש וויינשטיין).

ווי נאַאיוו איז דאָס געווען אַמאָל צו מיינען פון דעם עפּישן וויינשטיינען, אַז

„היימישער נאָך ביזטו מיר פון יענעם טרויעריקן טאָג־אָן געוואָרן,
ווען כ׳האָב אויף דיין ערד, אַמעריקע, געזען מיין טאַטן שטאַרבן“.
(בעריש וויינשטיין).

און נישט נאָר שטייט אַצינד אליעזר גרינבערג אַליין ביחידות און קלאַפּט זיך מיט זיין בעסאַראַבישער פּראָסטקייט אין האַרץ אַריין זיין על־חטא :

„אָ, היים, איך האָב געדענקט, איך האָב דיך אויסגעריסן
אויף אייביק פון מיין האַרץ און מיין זכרון,
נאָר ווער געקאָנט האָט דעמאָלט וויסן,
אַז ס׳וועט דיך טרעפן אַזויפיל צער און צאָרן !

עס איז דאָך דער תפילה־בצבור פון אַלע אינאיינעם — —

און אַז די נאַאיוו־פאַרבענקטע נאָך זייערע שטעטלעך איז עס אַזוי „באַ!שערט“ געווען, פאַרוואָס האָט עס געזאָלט אַנדערש באַשערט זיין דעם „צעשויבערטן“ מאַרטין בירנבוים :

„עי שטעטל פאַרטוליעט, פאַרמוטשעט,
עי שטעטל אין פּוילישן טאָל,
מיין בענקשאַפט צו דיר איז געשטאָרבן
ביי די קלאַנגען פון אייזן און שטאָל“. (מאַרטין בירנבוים).

אפשר וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען,—אפשר, ווער קאָן וויסן, כאָטש אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן ! — אָבער אַנדערש איז עס באַשערט געווען ! און איז דען שעפערישקייט אַנדערש מעגלעך ? וואַרום קאָן זיין אַ וואַקסנדיקער שטאָם, אַז זיין וואָרצלדיקער שורש זויגט נישט ביים טיפן מקור און זיינע צווייגן ביי דער שטראַלנדיקער זון ? איז דען פאַראַן אַ הווה אָן סודותדיק טונקעלן עבר און אָן גלויביקן ליכטיקן עתיד ? און אַז מיר זאָלן זיך צעפאַלן אין באַזונדערע פאַרוואָגלטע שבטים, אין אַמעריקאַניש־יידישע, אין סאָוויעטישיידישע און אין יתר־הפליטהדיקע־פּאַלעסטינעדיקע זיינען מיר דאָך אָן אונטערגעהאַקטער שטאָם מיט דאַרע צווייגן, וואָס קאָן מער נישט טראָגן קיין זאַפטיק־קוויקנדיקע פּירות.



און אין דעם געבליץ פון דער שאַרפער האַק איבערן קאָפּ, האָבן מיר זיך דערזען מיט גרויס רחמנות איינער דעם צווייטן (אין דער סאָוויעטישער פּאָעזיע איז אויך צו מערקן דער איבערגאַנג אין די לעצטע יאָרן), מיט גרויס צער איבער זיך אַליין שוין.

ס׳איז ניט קיין דריטער דור יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע—ס׳איז אַן ערשטער!

„אַלע
ביימער
ווערן פּענען
שרייבן אין הימל אַ פלאַמיק געשריפטס. (אלף קץ).

עס איז דאָס „געשריפטס“ פון די נייע אותיות, וואָס ווערן געשריבן ביי אַן התחלת התורה „אין טלית און תפילין“. עס איז נישט דער שנעלער ריטם פון קלאַפּנדיקע שרייב־מאַשינעס — עס איז דער אָפּגעהאַקטער ריטם פון די קלאַפּנדיקע על־חטאס אין אַ סך פון די לידער ! עס איז דער ווידער־קול פון די זאָגנדיקע ווידות פון יענער זייט ים, אָבער מ׳הערט אויך דאָס קלאַפּן פון נאָך נישט־געבוירענע אונטער האַרץ, וואָס וועלן דאָ שרייבן בקדושה ובטהרה אונזערע הייליקע אותיות

„אָבער טיפער פון טיף זיינען די יסורים־ברונעמער
פון מיין צום לעבן פאַרמשפּטן פאָלק.
און זיינע דיכטער שעפּן אייביק פולע עמערס“ (גבריאל פרייל).

ניין, גבריאל פרייל, איז נישט דער יינגסטער פון אונזערע פון דעם נייעם דור יינגע פּאָעטן אין אַמעריקע — ווען מיר האָבן מיט 1000 יאָר צוריק אָנגעהויבן אין איראָפּע צו שרייבן אונזערע יידישע לידער, האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ שפע פון וואו צו שעפּן מיט פולע עמערס. יאָ אונזער פאַרגאָסן בלוט האָט אַדורכגעזאַפּט דעם קיילעך ערד ביז אויף דער אַנדערער זייט — —
א. נ. ש.

* * *

נ. ב.—ס׳קומט אַ גרויסן יישר־כוח דעם זאַמלער ! אָן אַנטאָלאָגיע איז נישט לידער פון פאַרשידענע פּאָעטן — ס׳איז אַ זעלבסטשטענדיק בוך, ס׳איז אַ „תחינה“ „דאָ פאַרמאַך איך שטיל דעם סדור
בלאַט צו בלעטל מיטן טאָוול“. (אברהם טווערסקי).

און די אויסגאַבע איז אַ פּרעכטיקע ! דאָס פיינע פּאַפּיר, דער גוטער דרוק און שיינער איינבאַנד. און מ׳זעט אויך בחוש, ווי דער זאַמלער, משה שטאַרקמאַן, האָט אין זין אַ באַשטימטן און נוצלעכן סדר :

„איך הער זיך איין אַ מידער
ווי ס׳רעדט אַ דור אָן אבל“. (אברהם טווערסקי).

אָבער אבל מאַכט אויף יידישן ראשי־תיבות : איך בין לוסטיק (פונם אַלטן ראַדאָמסקער) און מ׳שפּירט פונם בוך אַרויס דעם דראַנג צו פרייהייט און באַפרייאונג, מ׳פילט דאָס וואָרצלען זיך אין נייע ערד, מ׳הערט דאָס נאָענטע נעגער־ליד און דעם ווייטן פאַרטיזאַנער מאַרש און דער ויתרוצצו פונם חלוץ־

ליד מיט רויט־אַרמייאישן איז דאָך בעסטער צוזאָג פאַר שטאַרקן און גייסטיק־שאַפערישן נאָכקומענדיקן געזונטן דור!

אַן אַנטאָלאָגיע איז נישט אַ זאַמלונג פון יחידים פאָעטן, ס׳איז אַ זעלבסטשטענדיק בוך פון אַ באַשטימטער עפּאָכע־אָפּשניט, און מ׳קאָן דעריבער נישט אַרויסטראָגן דערפון אַ מיינונג איבער די באַטייליקטע — יעדער איינער איז משלים דאָס מנין, אַז ס׳זאָל ווערן אַ געהעריקער תפילה־בציבור.

און דאָס איז דאָס טראָפּעלע פרייד אין אונזער ברויזנדיקן טרויער, וואָס יעדעס בלעטל טראָגט אין זיך: עס איז די בשורה טובה, אַז די „גאָלדענע פאַווע" אונזערע, אַריבערגעפלויגען אינם פרעמדען לאַנד איז נישט צו שאַנד געוואָרן, חלילה.

נעילה: זאָלן מיר יענע חברים מוחל זיין, וואָס איך האָב זייערע נעמען נישט דערמאָנט, אָדער נישט ציטירט פון זייערע לידער, וואָרים איז דען מעגלעך אַ בוך פון קיין עין־הרע 432 זייטן אַלצדינג צו ציטירן; איז דען מעגלעך 50 נעמען פון יידישע פאָעטן אַלע צו דערמאָנען אין אַ אויפדער־שנעל אָנגעוואָרפענע רעצענזיע?

באמת, דאָ אויף דער פאַרוואָרפענער און פאַרוואָגלטער אינזל איז יעדער נייער נאָמען (און כמעט אַלע זיינען מיר ניי! פון קיין איינעם קיין בוך לידער נאָך נישט געזען... פון אַ יידישן פאָעט האַרציק און טייער — כאָטש אַרויסשניידן די אַלע שיינע 50 פאָעטן פאָרטרעטן פונם בוך און אויסקלעבן זיי אויף די נידריקע ווענטלעך פון מיין שטיבל, עס אַביסל היימלעכער צו מאַכן און היימישער...

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נכאַמיטאָגס

.. אין גרענד־פאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער. ..

שבת דעם, 4־טן אויגוסט, געדענק־פייערונג נאָך שכנא עפשטיין. מ׳וועט רעדן איבער זיין טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, אַלס שרייבער און קריטיקער. משה עובד וועט רעדן איבער די „קליאַטשע" פון מענדעלע מוכר־ספרים.

שבת, דעם 11־טן, וועט בן־א. סאָכאַטשעווסקי מאַכן אַ סיום אויף זיין „למך השני". בעלקין וועט רעציטירן.

שבת, דעם 18־טן, וועט דער דראַמע־קרייזביים יידישן קולטור־קלוב אויפפירן שלום אשס „מיטן שטראָם".

שבת דעם 25־טן וועט מ. מינדעל האַלטן אַ פאָרטראַג איבער די יידיש־וועלטלעכע שולע.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סטריט, א.1.
**פרייז 1/-.**



# 5 יאָר יידיש-העפטלעך

## I. די נויטיקייט פון א יידיש-ליטעראַרישן זשורנאַל

עס איז שוין געקומען די צייט, דאַכט זיך, אַז מיר זאָלן אָנשטרענגען אַלע אונזערע פאַראַנענע כוחות בכדי מיר זאָלן קאָנען אַרויסגעבן אַ יידיש־ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, וועלכער זאָל זיך דורכאויס אינטענסיוו אָפּגעבן מיט קולטורעלע פראַגן, מיט קונסט און טעאַטער און בעיקר און אויסשליסלעך מיט דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַלע אירע צווייגן; צו סטימולירן די פאַר צענדליק, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דער יידישער קולטור, זיי צוזאַמענהאַלטן, זיי צו אינטענסיוויזירן און צו פאַרדאָפּלען זייער צאָל אין אַן אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט. קיינמאָל נישט ווי אַצינד, איז נויטיק דאָ אַן גייסטיקע עפנטלעכע מיינונג, אַן אַקטיוו־קריטישע און אַ זאַכלעכע, בכדי דאָס ביסעלע פאַראַנען געשאַפענע דאָ אין אָנגעשטרענגטער שווערער צייט, זאָל נישט באַנאַליזירט ווערן און פולשטענדיק צעשלעפט ווערן און גיין אין ניוועץ. דאָס שרייען און געוואַלדען „שונד! פלאַגיאַט! גראַפאָמאַנען!" גענוגנט נישט. אַ סך מאָל שרייט עס דער גנב אַליין בכדי מזאָל אים נישט כאַפּן ביי דער האַנד... אויב עס שאַפט זיך אַן עפנטלעכע מיינונג, אַן אָביעקטיווע, זאַכלעכע קריטיק איבער דעם ביסל עכטן געשאַפענעם און אַ פעסטקייט עס צו באַשיצן און באַהיטן, הערט אויף יעדע געפאַר. וואָרעם וואָס איז דען פלאַגיאַט און גראַפאָמאַניע עפעס אַנדערש ווי יענע מייז און ראַטן, וואָס קריכן אַרויס פון די לעכער, ווען זיי דערשפּירן אַ פאַר געבליבענע ברייזעלעך, וועלכע ליגן אויף הפקר, זיסקייט וואָס זיינען נישט גוט באַשיצט, אַז זיי, די מייז און די ראַטן, כאַפּן זיך צו זיי צו צעגריזשען און צעפּיצלען עס, פאַרשלעפן עס אין זייערע מייז־לעכער.

ביז צום איצטיקן קריג איז קיין צו גרויסע פאָדערונגען אויף אַזאַ מין אַרטיקל ווי אַ יידישער זשורנאַל אין לאָנדאָן נישט געווען. און די יחידים, וועלכע האָבן אים יאָ נויטיק געהאַט האָבן יוצא געווען מיטן יהי רצון: מיטן כסדרדיקן ריידן ווי נויטיק ס׳איז אַזאַ מין זאַך ווי אַ חודש זשורנאַל. אויך איז די טעגלעכע צייטונג דאָ נאָך דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ ביסל אַ העכערן ליטעראַרישן ניוואָ און איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין אַ גרעסערן פאָרמאַט, און זי האָט זיך געניטיקט אין ערנסטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אין קינסטלערישע אָריגענעלע אַרבעטן

און אפילו דעמלט האָבן די פאַר לאָנדאָנער שרייבער, זיצנדיק אין אַ קאַפע ביי אַ טישל, חבריש שפּאַצירנדיק, רק באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם: אַ יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל. זייער גאַנצע שרייבערישע תאווה האָט געשטעקט אין דעם איינעם וואָרט: „אַ זשורנאַלטשיק!" „זכרתי לך חסד נעוריך" — עס ליגט נאָך דער טעם אין מויל פון יענער גאָלדענער צייט פונעם „רענעסאַנס".